ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# נפלאות השם

## בלשון הקודש ואידיש

**709**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# נפלאות השם

ספר הזכרונות ממאורעות הזמן המורים על השגחת השי"ת.
בן יסופר מעשיות פליאות אמיתיות המורים על השגחת השי"ת
בעולמו שאירע בהמאה שנים, אשר אנו בו, אשר ספרו
אנשי אמת, גם יסופר בו חלומות צודקות ומעט מעשיות
הנזכרים בספרי אמת, ואקוה לה' שהמעשיות האלה יפיחו רוח
אמונה בלב איש ישר.

אין דעם ספר ווערט דערציילט ווינדערליכע מעשיות אמתע
וואס עס האט זיך גיטראפין אין די 100 יאר וואס מיר
זענין יעצט. פון דיזע מעשיות קען יעדער מענטש דער
קענען וויא ווייט די השגחה פון השי"ת איז אויף דער
וועלט. דיזע אללע מעשיות האבין ערציילט אנשי אמת אויך
אנדערי מעשיות וואס עס שטייט גישריבען און ספרי אמת.
און מיר האפין צו השי"ת אז דורך די מעשיות וועט
נישטארקט ווערין די אמונה ביא דעם לעזער:

## לעמבערג

פערלאג פון ר' דוד ראטה בוכהאנדלונג אין לעמבערג.
בדפוס של ר' נתן נטע קראנענבערג נ"י בבילגורייא.
שנת תער"ב לפ"ק

מעשה שאירע בעיר פ"נ אשר היה שם בבהמ"ד ממונה לגבאי איש אחד מפורסים לנגיד אך שהי' מקטני אמנה והיה שם בבהמ"ד ברית מילה בראש השנה וזהו ידוע כי מלין התינוק קודם תקיעת שופר ואיחרו מלתקוע עבור שהמתינו עד שיביאו התינוק למול אזי נתמלא הגבאי הנ"ל חמה ואמר בחרי אף אם אברהם אבינו היה חותך את חוטמו אזי היה מוכרחים כולם לחתוך את חוטמם. אזי אח"כ באותה שנה בחודש מנחם אב אזי הלה בחוטמו חולי הנקרא ראק ר"ל אזי נסע לקיעוו לאקאדעמיע למצוא לזה מזור ותרופה אזי הי' שם עד יו"כ וערב יו"כ אמרו לו הרופאים שאין לו תקנה אחרת רק שצריכים לחתוך את חוטמו וחתם להם בכתב שאם אולי ימות תחת ידיהם לא יהיה להיורשים עליהם שום טענה וביום הכפורים חתכו את חוטמו ומת תחת ידיהם ואח"כ נתנוהו ביורה גדולה וטגנו אותו על שומן משום שהיה בעל בשר מאוד והרופאים צריכים שומן אדם לרפואה והא דלא נענש מיד משום דאמרי' בסוטה דף כ' יש לה זכות תולה שנה כו' ובודאי היו לו זכותים שהגינו עליו עד שנה ועשרה ימים ואף דחזינן שהרשעים עושים מה שלבם חפץ והקב"ה

---

אַ מַעֲשֶׂה וואס עס האט זיך גיטראפין אונ דער שטאט פ"נ. דען עס איז דארט גיוועזן אונ ביהמ"ד אַ גבאי וואס ער איז גיוועזן ניט קיין פרימער. נאר ער איז גיוועזן אַ גרויסער נגיד. האט זיך אַ מאהל גיטראפין עס האט גידארפט זיין אים ראש השנה אַ ברית מילה. אונ דאס איז דאך ידוע אַז עס איז ראש השנה אַ ברית איז מען מל דאס קינד פאר שופר בלאזין האט מען גיווארט ביז מען וועט ברענגין דאס קינד מל צו זיין איז דער גבאי דאמאלס בייז גיווארין אונ האט גיגעבין אַ גישרייא כ'יט אַ קול מיט דיזען לשון אַז אברהם אבינו וואלט זיך גילאזט אפ שניידין דיא נאז וואלט זיך יעדיר אויך בעדארפין אפ שניידין דיא נעז דערנאך איז ער אונ דעם זעלבין יאהר ראש חודש מנחם אב אויף זיין נאז קראנק גיווארין אזא קרענק וואס עס ריפט זיך ראק ר"ל איז ער גיפארין קיין קיעוו אונ דער אקאדעמיע אריין זיך היילין איז ער דארט גיוועזן ביז יום כיפור אונ ערב יוכ"פ האבין אים דיא דאקטורים גיזאגט אַז עס איז נישט פעהאנדין קיין אַנדערע עצה נאר מען זאל אים אבשניידין דיא נאז האט ער זיך גיחתמ'ט אַז טאמער וועט ער שטארבין אינטער זייערע הענד זאלין דיא יורשים צו זייא נישט האבין קיין שום טענה אונ אים יו"כ האבין זייא אים אב גישניטין דיא נאז אונ ער איז טאקי גישטארבין אינטער זייערע הענד. דער נאך האבין זייא אים אריין גילייגט אונ אקעסיל אונ האבין אים גיפרעגעלט אויף שמאלץ וויל ער איז גיוועזן זייער פעט אונ דיא דאקטוירים דארפין האבין מענטשין שמאלץ צו א רפואה. אונ דאס וואס השי"ת האט אים נישט תיכף גישטראפט איז דער טעם ווארין דיא גמרא זאגט אַז עס איז פער האנדען אַז איינער האט אַ זכות ווארט מען אים אַ יאהר אדער מעהר אונ מסתמא האט ער גיהאט זכות וואס האבין אויף אים בעשיצט. אונ חאטש מיר זעהן דאך אַז עס איז פער האנדין רשעים וואס זייא טאהן וואס זייער הארץ באגערט אונ השי"ת שטראפט זיי ניט באלד דאס איז נאר

אנדערע

אינו מעניש אותם מיד רק עבירה שיש בה חילול השם שאני דאמרו חז"ל אין מקיפין בחילול השם ועל אדם כזה נוכל לומר דהקב"ה פרע ממנו בזה העולם כדי להביאו לחיי העולם הבא כי הי' לו שני כפרות כאחת מיתה ויום הכפורים ובודאי הרהר ג"כ תשובה בלבו וכמו שאמרו חז"ל במס' יבמות דף ק"ח בריך רחמנא דכספיה לאבדן בהאי עלמא זאת שמעתי מאיש נאמן ומופלג שסיפר זאת לדבר ברור . גם שמעתי מאנשים אחרים בזה הסגנון . גם ידעתי שם האיש ומשפחתו . מהמעשה הזאת נוכל ללמוד מוסר השכל שלא ירחיב האדם את פיו לדבר מה שעולה על רוחו ושלא יתלוצץ אדם ממצות התורה הקדושה ח"ו :

**מעשה** שהיו בפטערסבורג בשנת תר"מ שבא לשם גביר מפורסם על טארג ביום ערב יו"כ והטארג היה צריך להיות ביום הכפורים וישב שם במסיבה עם עוד גבירים נכבדים ושאלו אותו איך ילך על הטארג ויסחור ביום כפור ויתלוצץ האיש מאוד ויאמר התערבו נא עמדי אם לא אלך על הטארג ביום כפור וגם אאכול ואשתה ביום כפור . ויהי למחר והוא יו"כ ויסע האיש הנ"ל על הטארג ויסחור שם כאות נפשו ואח"כ ישב על המרכבה שלו ונסע לבית אכסניא של יהודי הנקרא ריסטוראציע ושאל שם אם יש מאכלים חמים שנתבשלו באותו יום ואמרו לו אין כי ביו"כ לא יחמו בבית יהודי חמץ . ויסע

---

אנדערע עבירות אבער ביא פער שווערען דעם איבערשטי'ס נאמען בארנט מען נישט אוף מצות קאנטע . אונ אויף דיזען מענטש קענען מיר זאגען אז השי"ת איז פון איהם גיצאהלט גיווארין אויף דער וועלט כדי ער זאל איהם אויף יענער וועלט וויל ער האט געהאט צוויא ערליכא כפרות. דעם טויט אונ אויך יום כיפור. אונ מסתמא האט ער תשובה גיטאהן אויך. דיזע מעשה האט דערציילט גאר א ערליכע מענטש אויך האב געהערט פון אנדערע מענטשין וואס האבין דאס אויך ערציילט. פון דאגין קענין מיר זיך ארויס לערנין א שטראף א מענטש זאל נישט רעדין וואס עס קומט איהם אונ מוליארין אונ זאל נישט לאכין פון קיין עוס זאך אונ דער תורה :

**מעשה** וואס עס האט זיך פאסירט אין פעטערסבורג בשנת תר"מ עס איז דארט גיקומין צו פאהרין אגרויסער סוחר אויף א מארג וואס דער טארג האט בעדארפט זיין אום יום כיפור איז ער גיזעסין אום ערב יום כיפור בעזאמען מיט נאך גבירים האבין זייא איהם גיפרעגט וויא אזוי ער וועט גיין אום יום כיפור אויף דעם טארינ האט ער גימאכט פון זייא ליצנות אונ האט גיזאגט לאמיר זיך וועטין אויב איך וועל מארגין נית גיין אויפין טארג אונ וועל עסין אונ טרינקין אויך. האבין זייא זיך גיוועט צו מארגינ'ס איז ער גינאנגין אויפין טארג אונ האט גימאכט זיין האנדיל דערנאך איז ער צוא גיפארין צוא א יודישע רעסטערארציא אונ האט גיפרעגט אויב עס איז דאס עפיס פערהאנדין פריש גיקעכין. האט מען איהם גיענטפערט אז אים יום כיפור קאכט מען נישט האט ער אוים גידרייט דיא פערד אונ האט געהייסין צו פאהרין צוא א קריסטליכע רעסטערארציע אונ האט דארט גיגעסין אונ גיטרינקין וויא זיין ווילען איז גיוועזן וויא ער האט אפ גיגעסין אונ איז ארויס גיגאנגין פון דער טוהר אונ האט אהן גע הויבין

אראפ

לבית אכסניא של אינו יהודי אשר היה דר בבית חומה בעלייה ואכל ושתה שם כאוות נפשו. ויהי כאשר אכל ושתה והתחיל לרדת ממדרינת העלייה אזי נפל על המדרגות ומת פתאום. ואף שמדתו של הקב"ה להאריך אפו אך במקום שיש חילול השם אמרו חז"ל אין מקיפין בחילול השם כיון שהיה מתפאר את עצמו בהעבירה בפרהסיא לכן נענש מיד. זאת שמעתי מאנשים שהיו בשעת מעשה בפעטערסבורג גם היתה כתובה במכתבי עיתים הנקרא נאווי ווערמין ושם האיש אינני רוצה להזכיר משום בזיון המשפחה:

**מעשה** שאירע בפאלטווע בנביר מפורסים שישב במסיבה של אנשים ריקים והתלוצץ משמירת שבת ובתוך כך אמר למשרתו שיחבוש לו את סוס וירכב עליו בשבת בחוצות כדי לחלל שבת בפרהסיא. ויהי בשובו בחזרה כאשר היה קרוב לביתו התחיל הסוס לרדוף במרוצה אל בית דהרת הסוסים בלא שום מעצור עד שהנביר אשר רכב עליו חבט את ראשו על המשקוף העליון של בית דהרת הסוסים ונפל מהסוס ומת תכו"מ ושמו אינני רוצה להזכיר וזה ברור:

**מעשה** שאירע בעיר וואלקעמיר שהיה שם איש אחד מאנשי הצבא עברי שהיה אומן גדול במלאכת הנגון. והיה מכונה קאנצערטניק והיה נכבד מאוד בעיני השרים הגדולים ובבתי משתאות של השרים היה נקרא בראש

---

אַראָפּ צו גײן פון די ערשטע טרעפּ איז ער אַנידער געפאַלין אויף דיא טרעפּ און איז פּליצלינג געשטאָרבין. ר"ל. דיזע מעשה האָב נעהערט פון מענטשין וואָס זענען דערבײַא געוועזין בשעת מעשה. און דעם מענטש'ס נאָמין וויל איך נישט אַרויס שטעלין ווײַל עס איז אַשאַנדע פאַר דער משפחה:

**מַעֲשֶׂה** וואָס עס האָט זיך געטראָפין מיט אַגרויסין גביר וואָס ער איז געזעסין מיט אַחברה אוים געלאַסינע מענטשין און ער האָט געשפעט אוים דיא וואָס היטין שבת. דערנאָך האָט זיך דער גביר אָהנגערופין צו זײַן משרת זאָטיל מיר אָהן דאָס פערד וועל איך מיר דורך רײַטין און דיא גאַסין פון דער שטאָט און זײַן כונה איז געוועזן ער זאָל מחלל שבת זײַן פאַר יעדין. ווי ער איז צוריק געריטין. און ער איז געקומין נאָהנט צו זײַן היים. האָט דאָס פערד אָהן געהויבין גיך צו לויפין און דער שטאַל אַרײַן אָהן אַ שום אײַנהאַלטונג. און בשעת דאָס פערד איז אַרײַן און שטאַל האָט זיך דער גביר אָהן געשלאָגין און דער פאָטרינע. און ער איז אַראָפּ געפאַלין און איז אויף דעם אָרט געשטאָרבין דיא מעשה איז וואָהר נאָר דעם מענטש וויל איך נישט אַרויס שרײַבין וועגין דער משפחה'ס שאַנדע:

**מַעֲשֶׂה** וואָס עס האָט זיך געטראָפין און דער שטאָט וואָלקעמיר - עס איז און דער שטאָט געוועזן אַ יודישער זעלנער אַ מוזיקאַנט. ער איז געוועזן אַ גרויסער שפילער און מוזיק און איז געוועזן אַפּאָלק קאַפּעלמײַסטער ער האָט זיך גערופין דער קאָנצערטיסט מען פלעגט אים רופין אויף אַלע באַלין צו אַלע מאַגנאַטין. כדי זײַא זאָלין הנאה האָבין פון זײַן שפּילין אײַן מאָהל איז ער געוועהן אויף אַ באַל פון גרויסע מאַגנאַטין און האָט מיט זײַא געגעסין און געטרינקין. האָט ער גענומין אויף דעם נאָפּל אַ שטיק געבראָטינס האָז צום מויל און ווי'ל עסין ריפּט זיך אָהן אַ ק[illegible] ווײַא [illegible]

הקרואים למען יהנו השרים מניגונו פעם אחת היה עם השרים על בית משתה וישב לבו ונטל על המזלג חתיכת צלי של ארנבת להושיטו לתוך פיו ויאמר אליו שר אחד הלא עברי אתה ואיך אתה אוכל ארנבת ויען לו המנגן הנ"ל בלשון רוסיא ניצעווא ותוך כדי דיבור הושיטה לתוך פיו ויחנק ומת וקברוהו אצל הגדר של בית עלמין אחר איזה ימים התרעמו שרי הממשלה לאמר מדוע לא הגישו אותו אזי סתבוהו מקברו ויחנטו אותו ומצאו הארנבת בגרונו ואח"כ קברו אותו שנית זאת שמעתי מאיש נאמן שהי' בשעת מעשה בוואלקעמיר :

**מעשה** מה שסיפר לו חותני העבר ז"ל אשר הוא ידע ומכיר האיש אשר ביום הושענה רבה ישב בין חברת בני אדם והיה מלעיג על הפתקות שנותנים ביום הושענה רבה לפי המבואר בספר הזהר הקדוש אזי באותה שנה הדביק אליו חולי גדול ר"ל אשר מבשרו היה נופל חתיכות חתיכות והיה בעל יסורים גדול והיה מתודה ובוכה ומתאונן והיה אומר אוי לי על שהייתי מלעיג מהפתקות עלתה לי כך עד שמת מאותו חולי :

**מעשה** שאירע בק"ק ראנאָלע שעבר דרך שם אורח אחד והיה צריך לשבות שם בשבת והיה אתו שמונה מאות רו"כ והפקיד אצל בעל אכסניא

---

ביסט דאָך אַ יוד . נאָך וואָס ווילסטו עסין האָז ? האָט דער קאָנצערטיסט אים גיענטפערט אויף רוסיש „ניטשעוואָ" אונ תיכף אַזוי וויא ער האָט עס גינומין אונ מויל אַרײַן איז ער דער שטיקט גיוואָרין . אונ ער איז גישטאָרבין . האָט מען אים בעגראָבין נעבין דעם פלויט פון דעם בית הקברות . אונ עטליכע טאָג האָבין זיך דיא נאַטשאַלסטוואָ גיבייזערט פאַר וואָס מען האָט אים נישט גיבאַלמיסט האָט מען אים אַרויס גישלעפט פון זײַן קבר אונ מען האָט אים גיבאַלזאַמירט אונ מען האָט אונ אים גיפינין דעם האָז אונ זײַן האַלז דערנאָך האָט מען אים דאָס צווייטע מאָהל בעגראָבין . דאָס האָב איך גיהערט פון אַ אֶמתן מענטש וואָס ער איז דערביי גיוועזין אונ דער שטאָט וואַלקעמיר .

**מַעֲשֶׂה** וואָס מײַן אײַנינקער שווער ז"ל האָט ערצײלט אַז ער האָט גיקענט דעם מענטש . אַז הושענא רבה בײַא נאַכט איז דער מענטש גיזעסין מיט אַ חברה שפּעטער'ס אונ ער האָט ליצנות גימאַכט פון דיא קוויטליך וואָס מען גיט אַרויס דעם מענטש הושענא רבה בײַא נאַכט . אַזוי וויא עס שטייט אונ דיא הייליגע ספרים אונ זוהר הקדוש . איז ער אונ דעם זעלבין יאָהר קראַנק גיוואָרין אזאַ קרענק וואָס עס איז פון אים גיפאַלין שטיקער פלייש ר"ל פלעגט ער אַלעם מתוודה זײַן אונ שרײַען אַז דאָס איז אַלעם דאָרך דעם וואָס ער גילאַכט פון דיא קוויטליך ביז ער איז דער פון גישטאָרבען ר"ל :

**מַעֲשֶׂה** וואָס עס האָט זיך גיטראָפין אונ ראַנאָלע . עס איז דאָרטין דאָרך גיפאָרין אַ אורח האָט ער דאָרט בעדאַרפט האַלטין שבת אונ ער האָט בײַא זיך גיהאַט אַכט הינדערט רו"כ האָט ער דאָס גיגעבין דעם בעה"ב וואָס ער איז בײַא אים גישטאַנין אונ אַז עס איז גיקומין מוצאי שבת איז דער נאַכט-הײַזער מיט אום גיגאַנגען צום קאַטאָר . זעהט ער אַז דער שלאָס איז צו בראָכין . אונ דאָס געלד איז נישט דאָ . האָט דער אורח חושד גיוועזן דעם

אשר היה איש נכבד ובמוצאי שבת כאשר בקש הבעל אכסניא שיחזיר לו מעותיו אזי ראו כי התיבה פרוצה והמנעול מקולקל והבעל אכסניא אומר כי נגנבו ממנו וחשד האורח את חתנו של בעל אכסניא אף כי היה למרן מופלג מ"מ חשד אותו מחמת רגלים לדבר משום שהיו לו הוכחות ע"ז ע"כ תבע את חתנו הנ"ל לדין וחייבו ב"ד שבועה לחתנו של בעל אכסניא הנ"ל מחמת רגלים לדבר ונשבע על שקר ובלכתו מהב"ד לביתו עבר דרך השוק ונפל שם על השוק ומת. ואח"כ כשמששו את בגדיו מצאו אצלו מפתח אחר להמנעול המקולקל של התיבה וכשהיה על דף שטהרוהו עליו ולבשו אותו את הטלית שלו והתחילו לקרוע את העטרה של כסף מעל הטלית אזי מיד נפל השמונה מאות ר"כ שהיו הפורים תחת העטרה שלו ונכרים הדברים שבשבת שבר את המנעול וגנב את המעות ותפר אותם תחת העטרה שלו ואח"כ נשבע על שקר ועד אותו מעשה לא נשמע על האיש שום דבר רע והיה הולך בדרך ישרה וקבע עיתים להורה רק עתה לא עמד בנסיונו ומשום שהיה איש ישר פרעיה רחמנא בהאי עלמא כדי להביאו לחיי העוה"ב:

שוב אירע שם בראנאלע שאיש אחד תבע את חבירו לדין והיה חבירו מודה במקצת הטענה וחייבוהו ב"ד לישבע שבועה דאורייתא והנתבע לא היה מסרהב ע"ז כלל וכשראו ב"ד שהוא רוצה לישבע אזי דחוהו על יום אחר אולי בתוך כך ישוב וכשבא הזמן המונבל היה רוצה לישבע והב"ד חשדו אותו שהוא רוצה לישבע על שקר. ע"כ היה להם ישוב הדעת אם ליתן לו שבועה אם לא ובתוך כך נטל הס"ת בידו וקפץ ונשבע׳ אזי אמר לו הרב אם נשבעת באמת אזי אין עליך שום אשמה בזה. אך אם אולי נשבעת על שקר אזי בעל הגמול יפרע ממך בקרוב. אזי באותו לילה עברו אנשים גונבי המכס מהסחורות

---

דעם נאסט־הייזער'ס איידים. האטשע זיין איידים איז געוועזן אגרויסער למדן נאר דער אורח האט אים חושד געוועזן ווייל ער האט דערויף געהאט עפיס אבעווייז. האט דער אורח גירופין דעם איידעם צום בית דין איז ער ביי דעם ב"ד מחויב געווארין צו שווערין הגם ער אפ געשווארין פאלטש אונ דער נאך איז ער אהיים געגאנגין אונ איז פלוצלינג אנידער געפאלין אונ מיטין מארק אונ איז געשטארבין. דער נאך האט מען אים בעזוכט איז ביי אים געלעגין א נאך שליסיל צום קאמאר אונ בשעת ער איז געלעגין אויף דעם טהרה ברעט אונ מען האט אים אהן געטוהן דעם טלית האט מען גינומין אפ רייסין דיא עטרה איז ארויס געפאלין דיא אכט הונדערט רו"כ פון אינטער דער עטרה. אונ עס איז קענטיג פון דעם אז דיא גנבה אונ דער שלאח אויף ברעכין איז געוועזן אים שבת. אונ ער האט אונטער גינייט אינטער דער עטרה אויך אים שבת. דער נאך האט ער נאך פאלש געשווארין אונ ביז דער מעשה האט מען אויף אים נישט געהערט קיין שום שלעכץ. נאר יעצט האט ער בייא דיזע פריב נישט גיקענט בייא שטיין דעריבער האט אים השי"ת בצאלט אויף דער וועלט כדי ער זאל קומין אויף יענער וועלט:

מעשה נאך האט ז.ך גיטראפין אז איינער האט גימאנט בייא דעם צווייטין געלד האט אים דער

הפסולות שנמצא בידם אזי קנה מהם האיש ההוא שנשבע על שקר ובאותו לילה נתפס האיש ההוא משרי הממשלה ונתנוהו במשמר ועי"ז ירד מנכסיו ונעשה עני. ושני המעשיות האלו שמעתי מרב אחד שהוא מראנאלע שסיפר זאת לדבר ברור:

**ושוב** אירע מעשה כזה בפרייוטנע שאיש אחד כפר לחבירו ממון ונשבע על שקר ובעוד שני ימים מת אצלו ילד קטן ובעוד שני ימים חלה אצלו עוד בן קטן עד שאשתו הציקתו שילך ויתודה שנשבע על שקר ויפרע להאיש וכן עשה ונתרפא הילד השני זאת שמעתי ממופלג אחר שהי' שם בשעת מעשה: שוב אירע בטשערניגעוו שאיש אחד נשבע בנק"ח ונטבע בזו החורף וכאשר הוציאוהו מן הנהר היה בו עוד רוח חיים והתודה לפני מותו שנשבע על שקר ומפני כך עלתה לו:

---

אַנדערעֶר אַבִּיסִיל מודה. גִיווען און אַבִּיסִיל האָט ער גלייקִינט. האָט דאָס בית דין אִים פֶערשִׁילדִיגט צו שווערִין. ווִיא דאָס בית דין האָט גִיזעהן אַז ער וויל טאַקי שווערִין האָבִּין זייא אִים אָפּ גִילייגט אויף אַ אַנדערע צייט. וואָרִין זייא האָבִּין גִיקלערט טאָמער וועט ער דער ווייל חרטה האָבִּין. און ער וועט נִיט וועלִין שווערִין. און אַז עס גִיקוּמִין צו דער צייט זענען זייא ווידער גִיקוּמִין צום ב"ד. נאָר דאָס ב"ד האָט אִים חושד גִיווען אַז בייא אִים אִיז זייער גרינג צו שווערִין פאַלש. האָבִּין זייא אִים דעריבער נִישט גִיוואָלט געבִּין קיין שבועה. דער וויל האָט ער גִינוּמִין דאָס ספר תורה און דער האַנד און האָט אָפּ גִישוואָרִין. האָט זִיך צו אִים אָהן גִירִיפִין דער רב אויב דִיא האָסט גִישוואָרִין אויף אֶמת אִיז אויף דִיר נִיט דאָ קיין שילד נאָר טאָמער האָסטוּ גִישוואָרִין פאַלטש זאָל השי"ת דִיר געך בעצאָלִין. און דער זעלבע נאַכט זענען דורך גִיפאָרִין דִיא פעקִיל מאַכער (דאָס הייסט דִיא וואָס פירִין פון פרייסִין סחורה און גנבִינִין דעם פאַר צאָהל) האָבִּין זייא דעם מענטש פאַר קויפט אַ פעקִיל טרייפִינע סחורה דער נאָך האָבִּין אִים גלייך גִיחאַפּט דִיא גאַטשאַלסטווא און מען האָט אִים איינגִיזעצט און תפיסה און ער אִיז גִיוואָרִין אַ אָרִימאַן. דִיזע צווייא מעשיות האָב אִיך גִיהערט פון אַרִיכטִיגען מענטש וואָס ער אִיז פון ראַנאָלע:

**מַעֲשֶׂה** וואָס עס האָט זִיך גִיטראָפִין און פרייוטנע אַז איינער האָט גילייקִינט דעם צווייטִין געלד און ער האָט פאַלטש גִישוואָרִין. און צווייא טעג אַרִים אִיז בייא אִים קראַנק גִיוואָרִין אַקִינד און אִיז גִישטאָרבִּין און נאָך און צווייא טעג אַרִים אִיז בייא אִים קראַנק גִיוואָרִין דאָס צווייטע קִינד. האָט זיין וייב אִים נִישט אָפּ גִילאָזט נאָר ער זאָל גיין מודה זיין. האָט ער מודה גִיווען אַז ער האָט פאַלטש גִישוואָרִין און האָט אָב גִיגעבִּין דאָס געלד אִיז דאָס קִינד גִיזִינד גִיוואָרִין דאָס אִיז וואָהר:

**נָאך** האָט זִיך גִיטראָפִין און טשערנִיגעוו אַז איינער אִיז ווינטער אַריין גִיפאַלִין און אַוואַסער אַריין און אִיז דער טרינקִין גִיוואָרִין האָט מען אִים אַרויס גִינוּמִין האָט ער נאָך גִילעבט אַ פאָהר טאָג דער נאָך אִיז ער גִישטאָרבִּין און ער האָט אָהן גִיזאָגט פאַר זיין טויט אַז דעם זעלבִּין ווינטער האָט ער גִישוואָרִין פאַלטש דער יבער קוּמט אִים דִיזער פסק:

מעשה

**מעשה** מה שסיפר הרה"ג אב"ד דקאלווריע. מה שסיפר לו איש אחד מקלעצק מה שאירע לו היינו שזה האיש מקלעצק היה מסחרו בתמידות בווילנא והיה עול ימים וחלה בחולי הריאה המכונה סיחאטקע ר"ל ודרש שם אצל גדולי הרופאים רפואה למחלתו וגלאו לו מזור ותרופה והיה שם רופא גדול מומחה מאוד המכונה פריפעסער והלך אצלו כמה פעמים ולא הועיל לו מאומה עד שאמר לו למה זה תלכי לבקש רפואה תדע כי אין רפואת למחלתך ואין עתה יכול לחיות יותר משלשה חדשים או ארבעה ולא יותר וכששמע החולה הנ"ל את זאת אזי נתייאש מחיין ואמר בלבו שיסע לביתו לקלעצק כדי כשימות יקבר בקבר אבותיו אזי נסע לביתו לקלעצק וחשב בלבו כיון שאין עוד תקוה להאריך עוד ימי חייו אזי לכל הפחות עכשיו שהוא חי יזמין לעצמו צידה לדרך והיה עוסק כל היום בתורה ובעבודה זולת מחמת חלישותו היה צריך בכל יום לילך לטייל חוץ לעיר בשעה אחת מהיום לשאוף רוח צח וכחותיו נדלדלו מיום ליום ר"ל. פעם אחת חלם לו בלילה שאחד אמר לו ידוע תדע כי מחר יזדמן לך צפור אחד שתבוא אליך אזי תקח אותה למח"ש ולבשלה ולאוכלה. ועי"ז תתרפא מחולי זה. ויהי בבוקר ויקץ והנה חלום ולא שת לבו לזה באמרו דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין והלך כפעם בפעם לבהמ"ד ללמוד שם ולהתפלל כדרכו אח"כ אחר הצהרים היה דרכו לילך עם

---

**מַעֲשֶׂה** וואָס עֶס האָט דער צֵיילט הרב הגאון אב"ד דקאַלווַריעֶ וואָס אים האָט דערצֵיילט אַיונגער פון קלעצק וואָס דעם יונגין מאַנס האַנדיל איז גיוועֶן אונ ווילנא. איז דער יונגער מאַן קראַנק גיוואָרין אויף אַ לינגין פעלער ר"ל. איז ער דאָרט גינאַנגעֶן צו אַלע דאָקטורים האָבין זֵייא אים ניט גיקענט העלפין. איז ער גינאַנגין צום גרעסטין פראָפֿעֶס=סער. האָט אים דער פראָפֿעֶססער גיזאָגט וואָס פועֶלט דיר וואָס דיא טויסט רפואות. צו דיר איז קֵיין שום רפואה נישט דאָ דיא קענסט מער ניט לעבין ווייא דרַייא אָדער פיר חדשים. ע"כ האָט זיך דער יונגער מאַן מיישב גיוועֶן ער זאָל אַהֵיים פאָרין קֵיין קלעצק ער זאָל בעגראָבין ווערין נעבין זַיינע עלטערין. איז ער אַהֵיים גיפאָרין קֵיין קלעצק אונ ער האָט זיך איבער גיקלערט בעוויַיל ער האָט שוין נישט קֵיין האָפענינג ער זאָל לעבין וועט ער זיך חאָטש אָהן גרֵייטין שפַּייזע אויף יענער וועלט. פלעגט ער גאַנצע טעג זיצין אונ לערנין. נאָר אֵיין שעה אונ טאָג פלעגט ער גֵיין שפּאַצירין מיט נאָך אֵיינים אויף דעם פעלד כדי צו גינעסין דיא פרישע ליפט. אזוי האָט ער זיך גיפירט אַ פאָהר חדשים אונ דיא קרענק איז אַלע מאָהל גרעֶסער גיוואָרין ר"ל אֵיין מאָהל בַּייא נאַכט האָט זיך אים גיחאָלימט אַז אֵיינער זאָגט צו אים זאָלסט וויסין אַז מאָרגין וועט קומין צו דיר אַ פויגיל צו פליהין זאָלסטו אים נעמין אונ אויף עסין וועסטו גיזינד ווערין. ווייא ער האָט זיך אויף גיחאַפּט אונ דער פרוא איז אים דער חלום נאָר נישט אונ זינען גילעגין. ער האָט גיקלערט אַז דער חלום איז ליגינט. ער איז אַוועק גינאַנגען אונ ביהמ"ד אַרַיין אונ ער האָט גידאַווינט אונ גילערינט ווייא אַלע טאָג. פאַר נאַכט איז ער געגאַנגען שפּאַצירין אויסער

דער

חבירו חוץ לעיר לשאוף רוח צח והלכו שניהם יחד ושכח כבר חלומו ותוך הילוכו ראה שציפור אחד משונה מאוד הולך לקראתו ומתגלגל תחת רגלו אזי הדפה ברגליו אח"כ נתגלגלה שנית תחת רגליו אזי הזכיר תיכף את חלומו ויקחהו בידו ויביאהו לביתו ושאל להרב ד"ם אם מותר לשחוט אותה ולאוכלה דאולי הוא עוף טמא דהא קי"ל דעוף טהור אינו נאכל אלא במסורת ובקושי התיר אותה הרב משום פיקוח נפש ושחט אותה ואכלה ושב לבריאותו כמאז וכמקדם אח"כ נסע שנית לווילנא לסחור שם בדרכו ועלה שם בדעתו ללכת להרופא פריפעסער שאמר לו בראשונה שאין עוד תקוה לחייו ויהי כאשר בא להרופא הנ"ל ויתפלא עליו הרופא מאוד ואמר לו שיסגרוהו אצלו בחדר מיוחד שלא ילך לביתו עד אשר יחפש בספרי הרפואות שלו אם יש מזור ותרופה לזה המחלה שהיה לו כי בחפצו היה לדעת במה טעה בזה שלא מצא מזור למחלתו לכן סגר את האיש הנ"ל בחדר מיוחד שלא ילך חוץ עד אשר יחפש בספרים אם יש מזור לזה המחלה שהיה לו ויחפש איזה שעות ולא מצא אח"כ הלך לחפש בביבלאטיק והיה שם כל הלילה ויחפש שם בספרים רבים ולמחר הביא אצלו ספר מביבלאטיק ושם היה כתוב כי צפור כזה מקום גידולה הוא באמעריקע שלישית ובשר של הצפור הזה הוא רפואה למחלה כזה ואמר

---

דער שטאָט מיט זיין בעקאַנטין ליפט שעפין. און זיין חלום האָט ער שוין נעהאַט פערגעסין. אַזוי ווי ער איז נעגאַנגען האָט ער געזעהן אַז זעהר אַ פערענדערטער פויגיל פליהט אים אַקיינין און האָט זיך גיפלאָנטיט צווי= שין זיינע פיס. האָט ער גינומין מיט זיינע פיס און האָט אים אַוועק גיאָנט האָט ער זיך ווייטער גיפלאָנטיט ביי דיא פיס. האָט ער זיך דערמאַנט און דעם חלום האָט ער דעם פויגיל צוא גינומין אַהיים. און ער האָט געפרעגט דעם רב צו ער מעג אים עסין טאָמער איז דאָס אַזאַ עוף וואָס מען טאָר נישט עסין. האָט אים דער רב גיענטפערט וויל עס איז פיקוח נפש מעג מען עס עסין האָט ער דאָס עוף אויף גיגעסין און איז גיזינד גיוואָרין. גלייך מיט אַלע מענטשין. דער נאָך איז ער ווידער גיפאָרין קיין ווילנא האַנדלין האָט ער זיך בעקלערט ער וועט גיין צום פראָ= פעסער וואָס ער האָט אים פריער אָפּ גיזאָגט דאָס לעבין. איז ער צו אים אַריין גיגאַנגען. דאָס זיך דער פראָ= פעסער אויף אים זייער פערווינדערט. ווי אַזוי קען דאָס זיין אַז ער זאָל פון אַזאַ קרענק גיזינד ווערין. האָט דער פראָפעסער צו אים געזאָגט. איך וועל דיך ניט אַרוים לאָזין ביז וואַנין איך וועל זוכין אין מיינע ביכער וואָס פער אַ רפואה דאָס קען זיין צו אַזאַ קרענק האָט עס דער פראָפעסער פער שלאָסין און אַבעזונדער חדר און האָט אָהן גיהויבין צו זוכין אין זיינע ביכער האָט ער געזוכט עטליכע שעה און ער האָט ניט גיפינען. איז ער אַוועק גיגאַנגען אין דער ביבלאָ= טעק זוכין און דיא ספרים פון דער ביבלאָטעק האָט ער גינעכטיגט אַגאַנצע נאַכט און דער ביבלאָטעק און דער פריה האָט ער גיבראַכט אַ בוך פון דער ביבלאָטעק. האָט ער געזאָגט דעם יונגין מאַן אַז ער האָט אויס געזוכט און אַללע ספרים און ער האָט ניט גיפינען קיין שום רפואה צו אַזאַ קראַנקהייט ווי דיא

דאָט

לו הרופא כי אין רפואה אחרת למחלה כזו זולת הבשר של זה הצפור מאמעריקע שלישית. ויען לו האיש כן דברת שצפור כזה בא אצלי ואכלתיה מזה נוכל להבין כמה גדלה השגחת השי"ת על ברואיו בנסים נסתרים ונגלוים וזה ברו״ך :

**מעשה** שאירע זה מקרוב בעיר קלעצק באיש אחד שנשא אשה שנייה בחצי ימיו ועל חת[...]ו על סעודת הנשואים אזי עמד לו עצם בגרונו ונחנק ר"ל ונלאו הרופאים דקלעצק למצוא מזור למחלתו לכן הובילו אותו לנישוויעז להרופאים מומחים דנישוויעז והנה גם המה לא מצאו לו מזור ותרופה ואמרו לו שבעוד חצי שעה יהיה קץ לחייו לכן לקחו את החולה הנ"ל על העגלה להובילו לעירו לקלעצק אזי אח"כ התחיל הסוס מהעגלה לרוץ במרוצה ולקפוץ ולדלג בלי שום מעצור כלל עד שהשליך את האנשים אשר היו עם החולה מהעגלה רק האיש החולה הנ"ל היה נשאר בתוך העגלה והסוס עם העגלה קפץ ודלג על הרים וגבעות כמה וכמה וויארסט עד שהשליך את החולה הנ"ל תוך

---

האָסט גיהאַט. נאָהר אונ אײַן בוּך שטײַט אַז מען זאָל עסין אַזאַ סאָרט פויגיל וויא עס איז אוים גימאָלט דאָ אונ בוך וועט מען גיזינד ווערין נאָר דיא פײַגיל גיפינט זיך אונ ערגין ניט נאָר אונ דער דריטע אַמעריקע אונ ער האָט אים גיוויזין אונ בוך דאָס גימאָלט פון דעם פויגיל האָט דער יונגער מאַן דערקענט אַז דאָס איז פינקט אַזאַ פויגיל וויא ער האָט אויף גיגעסין האָט דער יונגער מאַן גיזאָגט צו דעם פראָפעסער יאָ אַזאַ פויגיל האָט מיר השי"ת צו גישיקט האָב איך אים אויף גיגעסין אונ איך בין גיזינד געוואָרין פון דער מעשה קאָן מען פאַר שטײן וויא ווײַט דיא השגחה פון השי"ת איז אויף דער וועלט. דאָס איז אײַן אמת׳ע זאַך :

**מעשה** וואָס ניט לאַנג האָט זיך גיטראָפין אונ קלעצק. היינו דאָרטין האָט חתונה גיהאַט אַמיטילער מענטש ער האָט גענימין דאָס אַנדערע ווײַב נאָך דער חופה האָט ער גיגעסין דיא גילדינע יאָך איז אים אַבײן גיבליבין שטעקין אונ האַלז אונ האָט זיך גיוואָרגין האָט מען צוא זאַמען גערופין אַלע דאָקטורים פון דער שטאָט האָבין זײא ניט גיקאָנט העלפין האָט מען אים געפירט קײן נישוויעז צו די דאָקטורים האָבין זײ גיזאָגט אַז עס איז צו אים קײן הילף ניט דאָ אונ אַ האַלבע שעה אַרום דאַרף ער שטאַרבין האָט מען אים אַרײַן גילײגט צוריק אונ וואָגין אַוועק צו פירין אים צוריק קײן קלעצק דער ווײַל האָט זיך דאָס פערד צו לאָפין פון דעם וואָגין אונ ער האָט אָהן גיהויבין צו לויפין זײער משונה אַז ער האָט אַרוים גיוואָרפין פון דעם וואָגין דיא מענטשין וואָס זײא זענין גיפאָרין מיט דעם חולה אונ דער חולה אַלײן איז נאָך גילעגין אונ וואָגין דאָס פערד האָט זיך צו לאָפין אונ צו שפרינגין אויף דיא בערג אונ טאָלין זײער משונה האָט עס אים פאַר שלעפט וויפיל וויאָרסט ווײַט ביז וואָגין עס האָט דעם חולה אַרײַן גיוואָרפין אונ אַ גריב אונ פון פיל שאָקלין האָט זיך דאָס בײנדיל צו שאָקילט אונ האַלז איז עס שוין גילעגין אונ האַלז שוואַך אונ בשעת דאָס פערד האָט אים אַרײַן גיוואָרפין אונ דעם גריב איז דאָס

בײַנ ײ׳

אחת הפתחים ומתוך נדנדו וטלטלו של החולה אזי קפץ העצם מגרונו לחוץ לכן מצאו אח"כ את החולה איך שהוא שוכב באחת הפתחים ועצם מונח אצלו על הארץ והוא שב לאיתנו. זאת שמעתי מאנשי מקלעצק גם הי' כתוב במכתבי עיתים:

**מעשה** מה שאירע סביב ווילנא באיש אחד שנסע לשבת בארץ הקדושה ארץ ישראל והוא היה איש המוני שבלימוד תורתינו הקדושה לא היה לו ידיעה וכאשר בא לא"י היה יושב בטל ולא היה לו במה לעסוק על כן נמאס בעיניו ישיבת א"י. גם אירע לו שם כמה מיני סיבות ר"ל שמתו ב"ב והוא שבר את רגלו ואבד את ממונו אחר כן חזר בחזרה חוץ לארץ אל בני משפחתו אשר היו גבירים ושאלו אותו מה טיבה של ארץ ישראל ואמר בלשון בזיון שהוא מקום מרעה לבהמות והלואי שבהמות ירעו שם ולא בני אדם אזי מיד נשתתק מלדבר כבני אדם והתחיל לצוות בקול כבהמה והלך לאבוס של בהמות לאכל שם וכמה שנים עד יום מותו היה קולו כבהמה ולא היה יכול לדבר כבני אדם ובני משפחתו שהיו גבירים יחדו לו חדר מיוחד בעיר קאדאן שלא ילך לחוץ כדי שלא יתבזו ממנו וספר לי רב א' שאמו עם עוד נשים היה

---

ביינדיל ארויס גישפרינגען פון דעם האלז אויף דער ערד האט מען אים געפינען לעבעדיג און א געזונד און דאס ביינדיל נעבן אים און ער איז געזונד געווארן. דיא מעשה האבן דער ציילט דיא מענטשין פון קלעצק:

**מעשה** וואס האט זיך געטראפין ביי ווילנא אז איינער איז אוועק געפארין קיין ארץ ישראל און דער מענטש איז געוועזין זייער א פראסטער מענטש נישט קיין למדן און אז ער איז געקומען קיין ארץ ישראל האט ער נישט געהאט וואס צו טוהן דארטין איז אים נמאס געווארין דאס זיצין און ארץ ישראל לעדיג און צו אים האט זיך אהן געהובין צו טשעפין אומגליקען ר"ל היינו עס איז ביי אים געשטארבין דאס וייב און דיא קינדער און ער אליין האט צו בראכין א פוס ר"ל און ער האט אהן געווארין דאס גאנצע געלד האט ער זיך אים געקערט צוריק און חוץ לארץ איז ער געקומען צו זיין משפחה האבין זייא אים געפרעגט וואס עס הערט זיך און ארץ ישראל האט ער געענטפערט דאס איז איין ארט פון בהמות אז בהמות זאלין זיך דארט פאשין און ווייא ער האט דאס ארויס גירעט איז ער באלד שטום געווארין און ער האט אויף געהערט צו ריידין וויא מענטשין נאר ער האט אהן געהויבין צו שרייען וויא איין בהמה און איז געלאפין און שטאל ארייין און ער האט געוואלט עסין פון דעם זשלויב וויא דיא בהמות עסין איז ער אזוי געוועזין ביז און זיין טויט דיא מעשה איז מפורסים ביי יעדין און איין רב האט מיר דערציילט אז זיין מיטער געדענקט אז זייא און נאך וייבער פלעגין שטיין אינטער דעם פענצטער און זייא פלעגין צו אים זאגין אהא דיא ווייסט ווייטער ריידין אויף ארץ ישראל פלעגט ער ענטפערין וויא א בהמה מע. פון דאנין קען מען פאר שטיין וויא וויים דער מענטש דארף איין האלטין דיא צינג נישט צו ריידין וואס מען דארף גיט און ווי וויים עס איז גרויס דיא קדושה פון ארץ ישראל:

דרכם לעמוד בעד החלון ולאמר לו מעתה תדבר עוד על ארץ ישראל והוא היה משיב להם בקול מע כבהמה. מזה נוכל ללמוד קדושת ארצינו הקדושה. ה' יזכינו בביאת הגואל בב"א:

**מעשה** מה שאירע באיישישאק שנסע משם איש אחד למרחקים לבקש פרנסתו והרויח שמה מעות אזי שלח מכתב לאשתו לאיישישאק שתמכור כל מה שיש לו ותאסוף את מעותיה הנמצאים אתה ושתקח את בניה עמה ותסע אליו וכן עשתה ושכרה עגלון אחד בעל עגלה שיוליך אותה ואת בניה ורכושה על העגלה גדולה להעיר שבעלה שם אף שהיה מרחק רב. ויהי כאשר נסע דרך יער גדול אחד אזי נתן העגלון את עיניו על מעותיה ורכושה ויחשוב בלבו להורגה אותה ואת בניה ולקחת כל רכושה ויט את סוסיו מן הדרך לתוך היער בין האילנות וירב עם האשה לאמר שנתאנה בהשכירות ועתה רוצה שתוסיף לו הרבה שכירות וכוונתו היה להורגה אזי מיד יצאו מן היער לא מן הדרך רק מתוך אילני היער שני זאנדארן רוכבי סוסים וישאלו להעגלון על תביעותיו ויספר להם ויאמרו לו לא זהו איש ישר רק מחויב עתה להוליכה לעיר למקום ישוב ושם תוכל לתבוע אותה בדין אזי כפוהו להוליכה ושני זאנדארן הנ"ל לוו אותה עד שהוליכה למקום ישוב ושם נפרדו הזאנדארן ממנה ולא נדע אתה מי היו הזאנדארן הללו אם המה בשר ודם או שלוחי ההשגחה עליונה וזה ברור:

**מעשה** מה שאירע בקאטערינעסלאוו היינו ששם יש גביר נכבד אשר החזיק אצלו מלמד מערי ליטא והיה חשוב אצלו מאוד ואכף המלמד בבית

---

**מַעֲשֶׂה** אײן מענטש פון אײשישאק איז אװעק גיפאָרין זײער אין אװײטין װעג איז ער דאָרטין גיװעזן אונ אַ גיטעפּט האָט ער גישריבּן אַ בּריף צו זײן װײב אונ קינדער זײא זאָלין קומען צו אים צו פאָרין האָט זיא פאַרקױפט אַלדינג װאָס זיא האָט גיהאַט אונ זיא האָט צינויף גינומען אַ היפּש בּיסל געלד אונ זיא האָט גידינגין אַ גילעגינהײט פון אײשישאַק בּיז דעם אָרט װוּא איהר מאַן איז האָבּין זײא גידאַרפט דאָרך פאָהרין דאָרך אַגרױסין װאַלד האָט דער בּעל עגלה אַװעק גידרײט דיא פיהר פון דעם װעג אונ איז אַרײן גיפאָרין אונ אַזײט אונ װאַלד אונ ער האָט אָין גיהויבּין בּעטין מער געלד אונ זײן מײנונג איז גיװעזין אַז ער זאָל זיא הארגינען אונ צו נעמין דאָס געלד. פּלוצלינג זענין אַרױס גיפאָהרין פון דער זײט װאַלד נאָר ניט פון װעג צװײא זשאַנדאַרין אונ זײ האָבּין אים גיפרעגט װאָס איז דאָס פאַר אַ מעשה האָט ער זײא דער צײלט אַז ער האָט זיך גינאַרט האָבּין די זשאַנדאַרין צו איהם גיזאָגט דיא מיזט זיא פירין בּיז אונ שטאָט אַרײן אונ דאָרטין װעסט דיא מיט איהר דאָרך קומען. אונ דיא זשאַנדאַרין האָבּין גירײטין אויף פערד אונ זײא זעײן נאָך גירײטין נאָך דער פיר בּיז װאַנין זײא זענין גיקומען אונ שטאָט אַרײן. אונ לױט עס װײזט אױס איז דאָס גישט גיװעזין קײן זשאַנדאַרין נאָר שלוחים פון השי"ת:

**מַעֲשֶׂה** װאָס מיר האָבּין דערצײלט ריכטיגע מענטשין אַז דאָס איז װאָהר היינו אונ קאַטערינעסלאַװ איז דאָ אַגביר אַפײנער מענטש װאָס ער

הגביר הנ"ל איזה סך מעות אח"כ יעץ הגביר הנ"ל את המלמד הנ"ל שיביא את ב"ב את אשתו ובניו ג"כ לקטערינעסלאוו ויעשו שם חנות ואשתו תעב בחנות ושמע המלמד הנ"ל לעצתו ויעש כן ואחר איזה שנים חלה המלמד הנ"ל את חליו אשר מת בו ויצו לאשתו שתמכור את כל מה שיש לה ותסע עם בניו לעירו לליטא וכן עשתה. ויהי כאשר ישבה על הפריחאד על מעבר המים ההולך מקאטערינעסלאוו לקרימענצוק נהר נעפער ואחר שנסע הפריחאד איזה וויארסט מקאטערינעסלאוו אזי הלך בנה הקטן כבן חמשה שנים והביט לתוך המים אזי נפל וכאשר ראתה אמו היא האשה הנ"ל אזי צעקה בקול מר ואין מושיע לה והפריחאד הלך לדרכו ולא העמידוהו עבור הילד הנ"ל. ויהי כאשר קרב הפריחאד לבוא לקרימענצוק ראתה אמו איך שהילד הנ"ל עומד על פליט אחד וצועק אמי אמי אזי רצתה אמו אליו ונטלתו ותשאל לו מי הביאך הלום ויאמר לה כי מיד שנפל שם אל המים נזדמן לו איש אחד אשר משך אותו מן המים והעמידו במקום הזה על הפליט. וכאשר באתה האשה לעירה למקומה אזי כתבה זאת המעשה לקאטערינעסלאוו להגביר הנ"ל וזה ברור:

**מעשה** מה שסיפר לי זקן מופלג אחד מקאווקאז מו"ה סענדיר פערלמאן נ"י

---

ער האט געהאלטין בייא זיך אונ שטוב א מלמד צו זיינע קינדער וואס ער איז געוועזין פון ליטא איז דער מלמד געוועזין בייא אים זייער חשוב האט ער בייא אום זוציגדיג צו גויף גינומען פיעל געלד האט אים דער זעלבער גביר איין עצה געגעבין ער זאל אראפ ברענגין זיין ווייב אונ קינדער קיין קאטערינעסלאוו וועט ער זייא מאכין איין געוועלב האט ער אראפ געברענגט זיין ווייב אונ קינדער קיין קאטערינעסלאוו אונ ער האט געמאכט א געוועלב דער נאך האט דער מלמד גילעבט עטליכע יאהר אונ איז קראנק געווארין אז ער האט גידארפט שטארבין האט ער אהן גיזאגט זיין ווייב פאר זיין טויט אז זיא זאל מאכין פון אלעס געלד אונ זיא זאל ארויס פאהרין אונ דער ליטא צוריק האט זיא אזוי גיטוהן אונ האט גינומען דיא קינדער אונ זייא האבין זיך גיזעצט אויף דעם פריחאד אויפין וואסער וואס גייט פון קאטערינעסלאוו קיין קרימענצוק אונ וויא דער פריחאד איז אוועק פון קאטערינעסלאוו עטליכע וויארסט האט איהר יונגיל פון פינף יאהר ארייין גיקריכין אונ וואסער איז ער אריין גיפאלין אונ וואסער האט דיא מוטער אהן גיהויבין צו וויינין אונ צו שרייען אבער עס האט איהר נאהר נישט גיהאלפין דער פריחאר איז אוועק גינאנגין ווייטער דער נאך אז דער פריחאר איז שוין גיקומען נאהנט פון קרימענצוק נישט וויים פון ברעג האט זיא דערזעהן אז איהר יונגיל שטייט אויף איין פליט נאהנט פון ברעג אונ שרייט מאמע איז דיא מוטער צו גילאפין צו אים אונ האט אים גיחאפט האט זיא אים גיפרעגט וויא קימסט דיא אהער האט ער איהר גיזאגט אז וויא ער איז אריין גיפאלין אונ וואסער האט אים איין מענטש גיחאפט אונ האט אים דא אנידער גישטעלט אונ אז זיא איז גיקומען אהיים אונ ליטא האט זי דערציילט דיא מעשה אונ זי האט גישריבין אבריף צו דעם גביר:

**מעשה** וואס מיר האט דער ציילט איין אלטער ר' סענדער פערלמאן

אשר יש לו בן יחיד והיה דרכו ללכת בכל ע"ש לבית המרחץ הוא ובנו יחידו שהיה אז קטן והיה דרכו לשבת שם על מקום אחד בכל עת בואו לבית המרחץ ומקומו היה קרוב לעליית הזיעה שמזיעים שם שע"י זה המקום היה דרכו להזיע על העלייה בכל עת בואו לבית המרחץ פעם אחד הלך לבית המרחץ הוא ובנו וישבו שם על מקומם אח"כ הלכו על מקומם אל העלייה להזיע שם אזי בלכתם על מדריגת העלייה נפל פחד על ר' סענדר הנ"ל עד אשר שב לאחריו עם בנו הנ"ל וכאשר שב לאחוריו התחיל אח"כ לחשוב בדעתו על מה זה הוא מפחד לילך על מקומו בעלייה כפעם בפעם ולא מצא עילת לזה ע"כ אימץ את כחו ועלה הוא ובנו פעם שנית על העלייה אזי נפל עליו פעם שנית פחד בלבבו אזי ירד משם והלך עם בנו על מקום אחר בעליית להזיע שם אזי תיכף ומיד נפל הקורה על מקום הראשון שהיה חפץ לילך שמה וניזיקו כמה וכמה אנשים ור' סענדר עם בנו נצולו על דרך נס הנ"ל:

**מעשה** מה ששמעתי מזקן אחד מ' זלמן סופר שבימי עלומיו היה מקום מושבו בטאגאנעראק אזי פעם אחד נסע דרך שם עובר אורח אחד איש עני והיה ניכר שהיה גדול מאוד בעבודת ה' שעד חצי היום היה עוסק

---

פֿעֶרילמאַן היינו זײַן שטײַנעֶר איז גיוועֶזין אַז עֶר מיט זײַן יונגיל אַבן יחיד פלעֶנט עֶר גײַן אַלעֶ וואָך אונ שוויץ (באָהד) אַרײַן איז גיוועֶזין זײַן שטײַנעֶר אַז עֶר פלעֶנט שטעֶנדיג זיצין אויף דעֶם זעֶלבעֶן אָרט אונ דעֶר הײַך וויא מעֶן פאַרעֶט זיך פלעֶנט עֶר אויך אַלעֶ מאָהל אַרויף גײַן אויף דעֶם זעֶלבין אָרט אויף אײַן מאָהל איז עֶר גיקומעֶן מיט זײַן זוהן אונ באָהד אונ עֶר האָט אָהן גיהויבין אַרויף צו גײַן עֶר מיט זײַן יונגיל אויף דעֶם זעֶלבין אָרט וויא עֶר גײַט אַלעֶ מאָהל האָט איהם גינעֶבין אַציפּ דאָס האַרץ אונ עֶר וואָט זיך איבעֶרגישראָקין האָט עֶר מיט דעֶם יונגיל זיך אומגיקעֶרט אונ זײַא זעֶנין אַראָפּ פון דיא טרעֶפּ דעֶר נאָך האָט עֶר זיך איבעֶרגיקלעֶרט פאַר וואָס האָט עֶר זיך אומזיסט דעֶר שראָקין נעֶמט עֶר מיט דעֶם יונגיל אונ וויל ווידעֶר אַרויף אויף דעֶן זעֶלבין אָרט האָט איהם ווידעֶר אַציפּ גיטאָהן דאָס האַרץ האָט עֶר זיך ווידעֶר דעֶר שראָקין איז עֶר אַראָפּ פון דיא טרעֶפּ אונ עֶר מיט זײַן זוהן זעֶנעֶן אַרויף אויף אײַן אַנדעֶר אָרט אַזוי איז אַראָפּ גיפאַלין אײַן בעֶליק וויא עֶר האָט גיוואָלט אַרויף גײַן דאָס עֶרשטעֶ מאָהל אונ עֶס איז גיהאַרגיט גיוואָרין אַסאַך מעֶנטשין:

**מַעֲשֶׂה** וואָס מיר האָט דעֶר צײַלט אײַן אַלטעֶר אײַן גרויסעֶר קעֶנעֶר ר' זלמן סופר וואָס אונ דיא יונגעֶרעֶ יאָהרין פלעֶגט עֶר וואָהנין אונ טאַגאַנעֶראַק אונ עֶר פלעֶגט דאָרטין שרײַבין ספרי תורות איז אײַן מאָהל גיקומעֶן דאָרטין אונ בית המדרש אײַן אָרימעֶר יונגעֶרמאַן אײַן שלאָפעֶר אונ עֶר האָט זיך אויף גיהאַלטין אונ בית המדרש עֶטלעֶכעֶ חדשים עֶר איז גיוועֶזין אײַן נאָטם דינעֶר אפּרימעֶר עֶר פלעֶגט דאַווינעֶן ביז האַלבין טאָג דעֶר נאָך לעֶרנעֶן תורה דעֶר נאָך פלעֶגט עֶר נײַן בעֶטין נדבות איז גיוועֶזין אַזעֶלכעֶ שפּעֶטעֶר'ס וואָס פלעֶגין פון אום מאַכין חוזק. איז גיוועֶזין דאַמאָלס אים חוה"מ פסח בײַא די קריסטין חאָגעֶ (דאָס איז זײַעֶר יום טוב) האָבין זיך צו זאַמעֶן גינימין

בתפילתו ואח"כ בלימוד התורה הקדושה רק שאחר תפילתו היה דרכו לבקש מהאנשים שיתנו לו צדקה ואינשי דלא מעלי היו מתלוצצים מאתו. וכמה חדשים ישב בטאנאנעראק והיה מתנהג ע"ז האופן והזקן הנ"ל שסיפר לי היה ממקורביו בבהמ"ד ושם היה גביר עצום אשר היה מכונה קראקינאוו אשר הוא הי' לו עסקים רבים פאדראטן וכדומה. פעם אחת בחוה"מ פסח הי' יום חגם של אינו יהודים והתקבצו הא"י עם קאזאקין יחד בחצר אחת הסמוכה לרחוב לשחוק שם להתנענע בהוידע כדרכם והגביר הנ"ל עמד שם לראות האיך הם מתהוללים בהוידע הנ"ל ובתוך כך הזדמן שהעני הגון הנ"ל עבר דרך שם ברחוב ואמר הגביר הנ"ל להקאזאקין שיתפסו את העני הגון הנ"ל וישימוהו על ההוידע להתנענע אותו על כרחו והוא ישלם להם עבור זה הרבה י"ש לשתייה ויתפסו את העני הגון הנ"ל וישימהו על ההוידע להתנענע אותו על כרחו להתלוצץ מאתו והעני הגון הנ"ל צוה ככרוכיא בקול מר ולא הניחו עליו והגביר הנ"ל עמד מנגד והיה נהנה מהליצנות. אח"כ שב העני הגון הנ"ל לבהמ"ד סר וזעף ובעוד איזה שבועות עלה בדעתו של העני הגון הנ"ל לנסוע לעיר אחרת, אזי קודם נסיעתו אמר לר' זלמן סופר הנ"ל ידוע תדע שהגביר קראקינאוו מרה תהיה אחריתו והתפטר לדרכו אזי עבר זמן קצר עד אשר היה חג השבועות ובחג השבועות הלך חתנו של הגביר קראקינאוו לחנותו ועשן שם מקטרתו (ציגאר) אח"כ כשנגמר לעשן אזי השליך הציגאר מפיו עם האש אשר עליו ויצא מזה אש גדולה עד שהיתה שריפה גדולה בעיר ונשרפו כמה וכמה בתים וחנוית הרבה מאוד ובתוכם נשרפו הבית חומה של הגביר קראקינאוו והגביר הנ"ל שכר אנשים

---

גענומען אסאך קריסטין און נאָם און קאָזאַקין אויך און זייא האָבין געמאַכט איין הוידע און זייא האָבין זיך געהוידיט און דער גביר איז געשטאַנין אגרויסער גביר וואָס ער איז געוועזין דער גרעסטער גביר פון טאַנאַנעראַק ער האָט געהייסין קראַקינאָוו איז ער געשטאַנען נעבין דער הוידע און ער האָט געקיקט. דערווייל איז אינטער געגאַנגין דער בּחא דער יונגער מאַן און דער גביר איז אויך געוועזין פון דיא זעלבע שפּעטערס וואָס זייא פלעגין חוזק מאַכין פון דעם יונגען מאַן האָט זיך דער גביר אָהן גערופין צו דיא קאָזאַקין נעמט איהם אויף דער הוידע און איך וועל אייך דער פאַר געבין אויף בראָנפין האָבין דיא קאָזאַקין גענומען דעם יונגין מאַן און זייא האָבען איהם אַרויף געלייגט אויף דער הוידע און זייא האָבען איהם געהוידעט און דער יונגער מאַן האָט געשריגען מיט איין ביטער קול און דער גביר האָט געלאַכט פון איהם דער נאָך איז דער יונגער מאַן אוועק געגאַנגען און בית המדרש און איז געוועזין פון דעם זייער אומרוהיג איז ער געוועזין דאָרטין און טאַנאַנעראַק נאָך עטליכע וואָכין נאָך פסח דער נאָך האָט ער געוואָלט אַוועק פאָהרין און איין אַנדער אָרט האָט זיך דער יונגער מאַן געזעגינט מיט די בית המדרש לייט און ער האָט געזאָגט צו ר' זלמן סופר איהר זאָלט וויסין אַז דער גביר קראַקינאָוו וואָס ער האָט מיך מצער געוועזין וועט נישט גיט אָב שניידין און איז אַוועק געפאָהרין און עטליכע וואָכין אַרום איז געוועזען שבועות. איז קראַקינאָוו'ס איידים אַריין געגאַנגען צו איהם און איין

גרויס

א"י שיצילו חפצים מהשריפה אזי הצילו מהשריפה זהב שרוף שהיה ניכר שנגנב מהבתי תפילות של האינו יהודים ונכרים הדברים שאנשים בני בליעל גנבו מהבתי תפילות שלהם ומכרו להגביר קראקינאוו ולפי שהאנשים אשר מצאו זאת הראו זאת לפני כל אזי נתודע זאת לפני שרי הממשלה ויתבהל מזה הגביר קראקינאוו ויברח לנפשו מטאנאנעראק ונעשה בורח עד היום הזה וגם ירד ע"ז מנכסיו ונעשה עני ושני הדברים גלות ועניות אולי כיפרו ע"ז עונו מזה תדע כמה הקב"ה חס על כבוד יראיו :

**מעשה** מה שאירע באיישיעאק ששם היה איש גדול בתורה וצדיק תמים ושמו נודע ר' משה'ל שטרעלצער זללה"ה ועסקו היה שהיה לו פאדוואל של י"ש והיה איש אמיד אך התנהגות העסקים היה ג"כ במעות של אחרים שהיה

---

גרויס געוועלב ארײן און ער האט דארטין פאר רײכערט איין פאפיראס און אז ער האט אויס גירײכערט האט ער אראפ גיווארפין דאס שטיקיל פאפיראס וואס איז געבליבין מיט דעם פײער האט זיך דער פון אהן געצינדין דאס גיוועלב און עס איז געווארען דער פון איין גרויסע שריפה ר"ל האט אב גיברענט אגאנצע זײט מויערין און אסאך גיוועלבער און דיא מויערין וואס זענין גיוועזין קראקינאווס זײ זענין אויך פאר ברענט גיווארין. דער נאך האט ער גידינגין קריסטין אז זײא זאלען ארויס נעמין דיא איבער גיברענטע זאכין פון דער שריפה האבין זײא ארויס גישלעפט שטיקלעך קיפער און איזין און זילבער און נאלד. האבין זײא דערקאנט אז דאס איז גינאנביט און איין קלויסטער און עס איז קענטליך דיא מעשה אז גנבים האבען גענאנביט און איין קלויסטער און האבען דאס פאר קויפט דעם גביר קראקינאוו און וויא דיא קריסטין האבין דאס געפינען אזא קרימינאלנע זאך האבען זײא דאס איינגיצײגט דער פאליציע. וויא דער גביר האט דאס הערט אז דיא פאליציע ווײסט שוין דער פון האט ער זיך זײער דער שראקין און איז אנטלאפין פון טאנאנעראק ביז היינטיגין טאג און איז זײער פאר ארעמט געווארען און יעצט קאן זײן אז דאס ארימקײט האט איהם אפשר פאר געבין אויף דיא עבירות וואס ער האט מצער געוועזין דעם תלמיד חכם :

**מעשה** וואס מיר האט דער צײלט איין אמת'דינער מענטש בשעת איך האב גילערינט און אײשישאק. היינו עס איז געוועזין און אײשישאק איין גרויסער למדן און אצדיק ער האט געהײסין ר' מושל שטרעלצער ז"ל האט דער ר' מושל ז"ל געהאט איין גישעפט פון א פראפינאציע וואס מען פאר קויפט בראנפין און פון דעם האט ער גילעבט ער האט געהאלטין איין משרת צו דעם גישעפט און בײא נאכט פלעגט דער משרת היטין דיא פראפינאציע האט דער משרה געמאכט שותפות מיט איין גנב און זײא האבען גענאנביט און דער פראפינאציע זײער איין סך בראנפין האט גימוזט דער צדיק בלײבען אונטער שטעלינג מיט פרעמד געלד האט ער פאר קויפט אלעס וואס ער האט געהאט און האט אויס גיצאהלט חובות פון דעסט וועגין איז ער נאך געוועזין איין בעל חוב זענען איין מאהל גיזעסין יונגע לײט און בית המדרש און זײא האבען גיזאגט

ת"י כהלואה והיה לו משרת בהפאדוואל אשר בלילה היה נעור ומשמר את הפאדוואל ועשה הנער המשרת שותפות עם גנב אחד וגנבו עבור סך רב י"ש עד שעבור זה לא היה לו מה לשלם את נושיו ומכר את כל אשר יש לו ופרע את חובתו ואעפ"כ לא הספיק זאת ונשאר עדיין ב"ח קטן אזי ישבו בבהמ"ד אנשים לומדים ודברו אודות זה ותמהו ע"ז ואמרו כתיב לא יאונה לצדיק כל און ואיך קרה להצדיק מכשול כזה וחשבו אולי יש חיסרון בצדקתו ונהיעצו להפיל גורל ע"ז ויש גורל שאומרים שהגר"א ז"ל המציא זה הגורל היינו שיפתחו ספר ואח"כ ימנו שבעה דפים ואח"כ ימנו שבעה סדרות ואח"כ ימנו שבעה פסוקים ומהפסוק שאח"ז יראו ממשמעותו להבין הענין הנצרך להם לשאול והפילו ע"ז גורל לידע אם יש חיסרון בצדקתו ונפל ע"ז הפסוק מדוע לא יראתם לדבר בעבדי במשה אזי נבהלו כל בני החבורה וידעו שחטאו בזה שהרהרו אחרי הצדיק:

מעשה שהי' לפ"ע בשנת תר"י שהיה כתוב אז במכתבי עיתים ולי סיפר איש אחד איש נאמן שהוא היה בשעת מעשה מהמתעסקים בזה והאיש הזה שסיפר לי הוא מקאלענקעוויץ והוא היה בשעת מעשה בפאבעלאוו הסמוכה לבאברויסק היינו שהיה שם איש אחד נכבד ומהולל במעשיו ומת בע"ש מחולי נפוח ר"ל ולא היה שהות לקוברו בע"ש והיו צריכין להשהות אותו כל השבת ובמוצאי שבת היה אז הושענה רבה ומנהג החסידים דשם שבליל הושענה רבה הם שמחים ומתאספים בבהמ"ד ושותים משקה וכן עשו והמת אשר היה מוטל כל השבת ומת מנפוח אזי התחיל בערו להסריח קצת ויראו לנפשם אנשי

---

ניקלערט וועגין איהם האבין זייא גיזאגט עס שטייט אונ פסוק אז דעם צדיק טרעפט זיך נישט קיין שום זינד הײַנט וויא אזוי האט זיך געטראפין בייא דעם צדיק אזא אומרעכט טאמער איז ער נאר קיין צדיק נישט איז ביי זייא געבליבען אז זייא זאלין ווארפין אויף דעם צדיק גורל וואס מען זאגט אז דער ווילנער גאון ז"ל האט דעם גורל דער קלערט איין נייע סארטע גורל. היינו מען עפינט איין חומש אונ דער נאך מישט מען איבער זיבין בלעטער אונ דער נאך מישט מען איבער זיבען סדרות אונ דער נאך ציילט מען איבער זיבען פסוקים אונ דער פסוק וואס ער שטייט דער נאך דארף מען פון איהם פאר שטיין דיא טייטש פון דער זאך וואס מען וויל וויסען. האבען זייא גיטוהן איז געפאלין אויף דעם פסוק „וויא אזוי האט איהר קיין מורא נישט געהאט צו ריידען אויף מיין קנעכט משה" האבען זיך דיא לומדים דער פון זייער דערשראקען אונ זייא האבען פאר שטאנין אז זייא האבען געזינדיגט וואס זייא האבען געטראכט שלעכטס אויף דעם צדיק:

מעשה וואס האט מיר דער ציילט איין מענש פון קלינקיווין ער איז געוועזין אונ פאבילאוו דאס איז נאהנט פון באברויסק היינו עס איז געוועזען אונ פאבילאוו איין פיינער מענטש איין בעל מעשים טובים איז ער געשטארבען ערב שבת פון דיא קראנקייט פון געשווילעכץ ר"ל איז שוין ערב שבת קיין צייט נישט גיוועזין צו באנראבען איהם איז ער געלעגין איבער שבת מוצאי שבת ביי נאכט איז געוועזין הושענה רבה אז

דער

החברה לגשת אליו להתעסק בו מחמת שהיה אז בעיר חולי מהלכת ר״ל ויראו פן תדבק בנפשם החולי לכן שלחו ארבעה אנשים מהחברה שיתעסקו בו ושאר כל האנשים הלכו לבהמ״ד לשמוח כמנהגם והאיש הזה שסיפר לי אף שהיה מעיר אחרת הנ״ל הסמוכה לה מ״מ הלך ג״כ להתעסק בו מחמת שהוא בעירו מאנשי החברה ק׳ לכן נטפל ג״כ להמתעסקים והלך ג״כ להתעסק בו ודלקו הרבה נרות והמתעסקים שתו מקודם הרבה י״ש כדי שלא יזיק להם ריחו ועשו אותו כל צרכיו וטהרו אותו כדת ואח״כ נתן השמש של החברה את ידו לתוך יד המת כדי לפתוח את ידו ולהשוותו אזי מיד אחז המת את יד החי בידו והתחיל החי לצעוק בקול גדול אזי מיד שלחו שליח לבהמ״ד שיבאו האנשים הנאספים שמה ויתאספו כל האנשים לבקש תחבולות לזה וראשית כל השקו את החי י״ש לרוב כדי שלא ירגיש פחד מזה ואח״כ התחילו לבקש תחבולות לזה והתחילו לנתק את היד של החי בכח ולא הועיל להם מאומה ולקול המולה הזה באו הרופאים של העיר וציוו לפתוח הגידים של היד המת אולי יש בו רוח חיים אבל לא כן הוא שאין בשר המת מרגיש באיזמל והיו יש אומרים שמחמת קרירות נתכווצ ידיו ויתיעצו לחמם בשר יד המת במים רותחים וכששפכו המים הרותחים על יד המת כדי לחממה אזי התחיל החי לצעוק בקול מר כי המים הרותחים נופלים על בשרו של החי ומכאיבים אותו אח״כ בקשו מהמת ב״ב שירפה אותו ולא הועיל זאת אח״כ שלח הגדול של העיר את שלוחו לאמור לו בשמו שירפה ממנו ואם לא יציית אזי יחרים אותו אזי מיד עבק לו את ידו ואצבע אחד נשאר מת אצלו עד יום מותו והאיש שסיפר לי אמר לי שהוא היה שם מתחילה

---

דער שטיינער בײַא דיא חסידים אַז מען איז אויף אַגאַנצע נאַכט און מען פרײט זיך מיט דער תורה האָבען זיך אַלע צו זאַמען נענומען און בית המדרש און מען האָט געטרינקען משקה און מען האָט זיך געפרײט און צו דעם טויטין האָבען זייא זיך נישט געוואָלט אים קיקען ווײַל עס איז דאַמאָלס און שטאָט נישט שטיל געוועזען נאָר שלאַפּקײטען ר״ל און דער טוטער איז געוועזען איין שווערער חולה איין נישוואָלענער ר״ל און ער איז נאָך געלעגין איבער שבת האָט מען אָהן געהויבען צו פיהלען האָבען זייא מורא געהאַט זײַן רעכט צו טוהן אז עס זאָל זייא נישט שאַטען דער ריח האָבען דיא חברה קדושה געשיקט פיהר מענשין זאָלען זײַן רעכט טוהן און דער מענטש וואָס האָט מיר דער צײלט איז אויך מיט געגאַנגען ווײַל ער איז און שטאָט און קרינקעוויץ אויך געוועזין פון דער חברה קדושה איבער דעם האָט ער דאָ און פאַבריאָוו אויך געוואָלט זײַן דיא הנהגות. זייא האָבען געטרינקען פריער פיהל בראָנפין כדי זייא זאָלען נישט פיהלען דעם ריח פון דעם טויטען וואָס מען האָט אַביסיל געפיהלט זייא האָבען זײַן רעכט גיטוהן אַזוי וויא עס דאַרף צו זײַן דער נאָך האָט גינומען דער שמש פון דער חברה און האָט געוואָלט אויס גלייכען דיא האַנד פון דעם טויטין האָט איהם דער טויטער צו געהאַלטין זײַן האַנד און ער האָט נישט געקאָנט אויס רײַסען דיא האַנד האָט ער אָהן געהויבען צו שרײַען האָבען זיך דיא מענטשען זײַער דער שראָקען האָבען זייא געשיקט איין שליח און בהמ״ד

# נפלאות השם

נגמר סוף וראה על המורה שעות כי שני שעות היה מתחילת אחיזתו עד שנשבק לו ועיקר הענין מה היתה הסיבה שעבור זה תפסו המת הוא מפני שהתעסקו בו בבזיון ולא נהגו ביה יקרא כדמבעי ליה למעבד לאיש נכבד. מהמעשה הזה נוכל להתעורר התבוננת בענין השארת הנפש לאחר מיתה:

**מעשה** מה שכתוב בפנקס דעיר מוש אשר הוא סמוך לנאוואהרעדאק היינו שבא לשם איש עני עובר אורח בבית הכנסת אורחים ששם היה מקום מיוחד לעניים העוברים ושבים ובא לשם בערב יום כיפור וחלה פתאום ומת ולא היה שהות ביום ערב יום כיפור לקוברו והוצרכו לשהותו עד מוצאי יו"כ ובליל יום כיפור שלחו חברה קדישא אנשים לשמור המת כמנהג העולם וכאשר

---

אריין ריפין דיא רעשט חברה זענין זייא אלע געקומען צו לויפען און האבען אהן געהויבען צו זיכין איין מיטיל דער צו. דיא ערשטע זאך האבען זייא אהן געטרינקען דעם מענטש וואס מען האלט זיין האנד מיט בראנפען כדי ער זאל נישט שטארבען פון שרעק דער נאך האבען זייא גענומען מיט כותות ארויס צו רייסען זיין האנד האבען זייא נישט געקאנט דער נאך האבען רופאים געזאגט אז מען זאל זעהן דעם טויטען טאמער לעבט ער נאך אדער מען האט אים געשלאגען אדער זאג עס איז גאר קיין בלוט נישט בעגאנגען דער נאך האבען אנדערע געזאגט אז דיא האנט איז ביא איהם געפרוירען געווארען היינו ער איז געפרוירען פון קעלט דארך דעם קען דער לעבעדיקער נישט ארויס נעמין זיין האנד האבען זייא געזאגט אז מען זאל ווארימען וואסער און מען זאל דער ווארימען דיא האנד פון דעם טויטען מיט זידינדיג וואסער וויא מען האט גענומען צו ברייען דיא האנד פון דעם טויטען האט דער לעבעדיקער זעהן געהויבען צו שרייען פון דיא הייסקייט דער נאך האט אהן געהויבען דאס הויז געזינד פון דעם טויטין צו בעטין אז ער זאל איהם נאך לאזין און עס האט קיין שום זאך נישט געהאלפין ביז וואנין עס איז געקומען איין שליח פון דעם עלצטין פון שטאט און פון רב און ער האט איהם גיזאגט אז דער רב האט געזאגט אז דיא וועסט נישט נאך לאזין דיא האנד וועט מען דיך מחרים זיין אזוי האט ער באלד נאך געלאזט דיא האנד און איין פינגער איז געבליבען ביא איהם אב געשטארבען ביז זיין טויט. און דער מענטש וואס ער האט מיר דאס דער ציילט איז ער געוועזען דער ביא און האט געקוקט אויף דעם זיינער וויא לאנג עס וועט דויערין האט גידוערט צוויא שעה פון דעם אהן הייב האלטען ביז ער האט נאך געלאזט און דאס מיינונג דער פון וואס ער האט אהן געכאפט אים. איז קענטיג. בעוויל אים האט פערדראסען פאר וואס מען האט זיך מיט אים געפארעט מיט שאנד. נישט נאך זיין עהרע:

**מעשה** וואס עס שטייט פערשריבען און פינקס פון דער שטאט מוש. היינו עס איז דארט געקומען אארימאן און הקדש אריין ערב יום כפור. און ער איז פליצלינג קראנק געווארען און איז געשטארבען איז ערב יום כפור קיין צייט נישט גיוועזין זיין רעכט צו טוהן האט ער גימוזט ליגין

נשתקעו האנשים בשינה ואח"כ כאשר נתערו משינתם ראו כי המת איננו ולא נתודע איה הוא עד היום הזה ואח"כ שלחו שאלות ותשובות להרבנים הגדולים אם נזכר מאורע כזו בשום ספר והשיבו כי נעלם מהם דבר זה ולא נמצא בשום ספר כן כתוב בפנקס דמוש וזה ברור :

**מעשה** מה שאירע בעיר הלוסק שהיה שם איש אחד פשוט רק שהיה ירא ה' ולא היה ביכלתו להבין בספרים כלל ונסע על הקיץ לבאברויסק אולי יזדמן לו מה להרויח שם והשכיר את עצמו לאיש אחד להיות נוטר אילני מאכל העושים פירות שלא יגנבו מהם הפירות וכמה וכמה אילנות היה שם והיה דרכו לומר תהלים בע"פ והאילנות הנ"ל היו רחוק מהעיר והוא היה נוטר יחידי שם פעם אחד בלילה התמרמר את עצמו בבכיה באמירת תהלים בקפיטל למנצח על אילת השחר וישן מתוך בכייתו ועיקר הבכייה שלו היתה על מה שלא זכה לחכמה התורה וטבע של החיצונים היינו הקליפות ר"ל להתדבק באיש עצב ויתער משנתיה והנה שני אנשים עומדים לנגדו זקנים ונשואי פנים ויאמר האחד אני משה רבכם והשני אמר אני אליהו הנביא ויאמר להם למה באתם אלי ויאמרו לו שמענו את בכייתך שבחפצך שיהיה לך יד בחכמת התורה לכן באנו אליך ללמוד אתך וכן נבוא בכל לילה ולילה ללמוד אתך ואחר שתוכל ללמוד אזי תקשיב לדברינו לכל אשר אנו מצוים אותך אז תהיה מאושר מאוד וילמדו

---

לינען איבער יום כפור האָט מען יום כפור בײַא נאַכט געשיקט מענטשין מען זאָל איהם היטין אַזוי וויא עס דאַרף צו זײַן . זענען דיא מענטשען בײַא נאַכט אַנטשלאָפען געוואָרען דער נאָך האָבען זײַא זיך אויף געהאַפּט איז דער טויטער נישט געוועזען . האָט מען איהם געזוכט אונ ער איז נישט דאָ ביז דעם הײַנטיגען טאָג דער נאָך האָט מען אַוועק געשיקט צו רבנים צו עס געפינט זיך אַזאַ מעשה אונ ספרים האָבען זײַא צוריק געשריבין אַז אונ ערגיץ געפינט זיך נישט אַזעלכע זאַך זײַא ווײַסען נישט וואָס דאָס קאָן זײַן אונ דאָס איז אַנגעוויסע זאַך עס שטייט אַזוי אונ פנקס :

**מַעֲשֶׂה** וואָס עס האָט זיך געטראָפען אונ דער שטאָט הלוסק דאָרטין איז געוועזין איין פּראָסטער מענטש ער האָט גאָר נישט געקענט לערנען נאָר ער איז געוועזין זייער איין פרומער מענטש איז ער אַוועק געפאָהרען אויף דעם זומער קײַן באָברויסק טאָמער וועט זיך איהם עפּיס מאַכען פער־דינסט האָט זיך איהם געטראָפען צו היטין איין גאָרטין פון פירות נעבין באָברויסק פלעגט ער אַלײַן צו היטין איין מאָהל בײַא נאַכט האָט ער געזאָגט תהילים אויף דעם קול אונ האָט זיך זייער שטאַרק צו ווײַנט אונ תהילים אונ וואָס איז געוועזען זײַן מײַנונג דאָס וואָס ער קאָן נישט לערנען . אונ עס איז בעוויסט אַז צו טראָריקײַט טשעפּיט זיך נישט קײַן גוטס וויא ער איז אַנטשלאָפינט געוואָרען האָט מען איהם אויף געוועקט האָט ער זיך אויף געהאַפּט זעהט ער עס שטייט נעבין איהם צוויא אַלטע לײַט מיט שיינע פּענימער רופט זיך אָהן איינער צו איהם איך בין משה רבינו אונ דער אַנדערער זאָגט איך בין אליהו הנביא אונ מיר האָבען געהערט אַז דיא האָסט זייער געוויינט וואָס דיא קענסט נישט לערנען זענען מיר געקומען דיר זאָגען אַז

ספר הזהר אתו כמו חצי שעה באמצע הלילה וכן יעשו בכל לילה. ויהי ככלות הקיץ בתחילת החורף כאשר כלתה אצלו שמירת האילנות אזי הזר לעירו להלוסק. וגם שם היו באים בכל לילה ללמוד אתו ספר הזהר ומקומו היה להתפלל בבהמ״ד של ר׳ אשר ז״ל ושם היו לומדים תורה. פעם אחת היתה מחלוקת בין הלומדים במקום אחד בפשט דברי הזהר והאיש הנ״ל היה מקומו אצל התנור כדרך הפחותים. ויהי כאשר שמע שהם מפלפלים בפשט דברי הזהר וילך אליהם ויאמר רבותי שמעוני ואף אני אענה חלקי בפשט דברי הזהר ויאמר להם הפשט ויראו הלומדים כי הפשט רחוק מאוד מן האמת רק התפלאו על ידיעתו בזה אשר הם היו יודעים אותו מכבר כי הוא עם הארץ ולא היה לו שום ידיעה לקרוא בספרים כאלה: ועוד פעמים אירע כזאת ויאמר להם ג״כ פשט רחוק מן האמת ומקומו היה בבהמ״ד של ר׳ אשר ז״ל והגבאי דשם הוא בנו ר׳ זלמן נ״י והוא מופלג גדול והוא דר בבהמ״ד שהיה לו שם מקום דירה עבור ב״ב פעם אחת בשבת אחר התפילה הלכו כל העם לאכול סעודת הצהרים כדרכם והאיש הנ״ל לא הלך לאכול אך בכה במרירות לב והאיש ר׳ זלמן אחרי כי שם ביתו ראה כי הוא יושב ואינו הולך לסעוד ובוכה במרירות אזי שאל את פיו שיודיעו שורש דבר על מה זה ועל מה זה ויספר לו כל אשר קרהו כנ״ל רק עד כה הייתי סובר שקדושים המה באמת והא׳ משה רבינו והשני הוא אליהו

---

אַלע נאַכט וועלין מיר קומען מיט דיר לערנען אונ אַז מיר וועלען דיך שוין אויס לערנען וועסט דיא דאַמאָלס זיין גליקליך. נאָהר דיא זאָלסט אונץ פאָלגען אונ ער האָט געמיינט אַז זייא זענען אמת׳דיקע הייליגע מענשין צום סוף זענען זייא געוועען רשעים זייא פלעגען צו איהם קומען אַלע נאַכט אונ כאָד אַריין אונ האָבען מיט איהם גילערנט ספר הזהר נאָהר זייא פלעגין מיט איהם לערנען פאַלטשע פשטים זייא האָבען מעהר ניעט געדאַרפט נאָהר איהם איידיל מאַכען דעם קאָפּ אונ אַז עס איז געקומען ווינטער איז ער צוריק געקומען קיין הלוסק פלעגען דיא צוויא אַלטע אויך קומען צו איהם אַלע נאַכט לערנען מיט איהם אונ ספר הזוהר איין מאָהל האָבין זיך דיא לומדים פון בית המדרש ניקריגט אונ אַפשט פון אַ שטיקיל זוהר איז ער צוגעגאַנגען אונ ער האָט געזאָגט אַפשט האָבען זייא אָהן געהויבען צו לאַכען ווייל דער פשט איז געוועזען זייער קרום ניעט אמת האָבען זייא זיך זייער געחידושט ווא קומט דאָס צו איהם זייא האָבען איהם געקענט פאַר איין פּראָסטען מענטש וויא אַזוי ווייסט ער אַפילו עפּיס אונ זוהר אַזוי האָט זיך געמאַכט עטליכע מאָהל אַז ער האָט זיך אַריין געזעצט אונ ווען ער האָט זיך אָהן געריפען איז אַ פּשט געוועזען קרום אונ זייא האָבען זיך אויף דעם גאָהר ניעט געקענט פאַר ווינדערען אונ דער יוד האָט געדאַוועט אונ ר׳ אשר׳ס בית המדרש אונ דאָרטען איז געוועזען איין גבאי ר׳ אשרס אַ זוהן ער הייסט ר׳ זלמן אונ ער וואונט אונ בית המדרש דאָרטין איז דאָ פון זיינט וועגין איין דירה. איין מאָהל שבת אַז אַלע מענטשין זענין אהיים גיגאַנגין פון דאַווינען עסין אונ דער מענטש איז פערבליבען אונ בית המדרש אונ וויינט מיט ביטערע טרערין איז אַריין געגאַנגען דער גבאי

ר׳

הנביא אך בלילה הזה הבנתי שהמה מהחצונים מהקליפות ר"ל וישאל לו איך הבנת ויאמר לו כי אמרו לי בלילה הזה שאדליק נר שצריכים להלימוד ולא אביתי כי אמרתי להם ששבת היום ואמר לי אחד אני משה ר' ואני אומר שמותר אתה להדליק ואתה אומר שאסור והשני אומר ג"כ אני אליהו הנביא ואני אומר לך שמותר אתה להדליק ואתה אומר שאסור ואעפ"כ לא אביתי להדליק ויכו אותי בכל זאת לא הדלקתי וידליקו המה ולמדתי אצלם אבל עתה אני מבין כי המה מהחצונים וממקור הטומאה ר"ל [ולכן לא למדו אתו פשוטים ישרים ואמיתים רק רחוק מן האמת אחרי שהם מעלמא דשיקרא מכוחות הטומאה ר"ל] ועתה שאל עצה מר' זלמן נ"י הכל מה לעשות עתה ויאמר לו ר' זלמן הנ"ל שילך ויספר זאת לפני הגאון ר' מנחם מענדיל ז"ל שהיה אז אב"ד בהלוסק ואח"כ נתקבל לסלוצק שם ר"מ והוא הנקרא בפי כל ר' מענדיל סלוצקער ז"ל אזי הלך האיש הנ"ל ושאל עצה מהגאון הנ"ל וידוע שרבני האשכנזים אין להם חלק בנסתרות. ויהי כאשר שאל את פיו נתן לו עצה פשוטה שבאותו לילה של מוצאי שבת הבא ילין בבהמ"ד הנ"ל ושם יהיו נעורים עשרה לומדים מופלגי תורה ושופר יהי' מוכן להם וכאשר יבאו החיצונים הנ"ל להאיש בבהמ"ד אזי יעמדו הלומדים על רגליהם ויכריזו עליהם בחרם חמור כחרם יהושע בן נון שלא יהיה להם שום שייכות להאיש הנ"ל כלל וכלל ויתקעו בשופר וכך היה

---

ר' זלמן פון זיין דירה אונ בית המדרש אריין אונ האָט איהם געפרעגט וואָס ווינסט דיא אונ גייסט נישט אַ היים עסען מיטאָג האָט ער איהם דער ציילט דיא גאַנצע מעשה וויא זייא קומען צו איהם אַלע נאַכט לערנען אונ ביז דיא נאַכט האָב איך געמיינט אַז זייא זענען היילינע מענטשען אַז איינער איז משה רבינו אונ דער אַנדערער איז אליהו הנביא נאָהר היינטיגע נאַכט זענען זייא געקומען אונ איך האָב היינטיגע נאַכט נישט אָהן געגרייט קיין לעכט וואָס עס זאָל ברענין איין גאַנצע נאַכט אונ זייא זענען געקומען אונ שטוב איז געוועזען פינצטער האָבען זייא מיך געהייסען אָהן צינדען איין לעכט האָב איך זייא געזאָגט מען טאָהר נישט עס איז שבת ריפט זיך אָהן איינער איך בין דאָך משה רבינו אונ איך זאָג אַז מען מעג אָהן צינדען איין לעכט מן הסתם מעג מען אונ דער אַנדערער ריפט זיך אָהן אַז איך בין אליהו הנביא איך זאָג אַז מען מעג מן הסתם מעג מען אונ איך האָב דאָס אַלעס נישט געהערט אונ האָב נישט געוואָלט אָהן צינדען דיא לעכט איהם שבת האָבען זייא מיך געשלאָגען איך זאָל אָהן צינדען אונ איך האָב פאָרט נישט אָהן געצינדען האָבען זייא אַליין אָהן געצינדען אַלעכט אונ איך האָב מיט זייא געלערינט נאָהר יעצט פאַר שטייא איך שוין אַז דאָס איז נישט קיין היילינע מענטשען ווייל זייא האָבען מיך געהייסען אָהן צינדען אַלעכט אים שבת מן הסתם זענען זייא רשעים דאַריבער ווייַן איך אונ גייא נישט עסען. אַזוי האָט ער דער ציילט פאַר דעם גבאי ר' זלמן אונ ער האָט בייא איהם געפרעגט איין עצה וואָס צו טוהן האָט ר' זלמן איהם געהייסען גיין צום רב אונ פרעגען בייא איהם וואָס צו טוהן אונ דאַמאָלס איז געוועזען רב אונ הלוסק הגאון ר' מנחם מענדיל סלוצקער ז"ל איז ער

גיגאַנגין

כי באותו הלילה נתועדו הלומדים בבהמ"ד של ר' אשר ז"ל והגבאי ר' זלמן הנ"ל היה ג"כ עמהם ועסקו בתורה כמעט עד חצי הלילה והאיש הנ"ל שכב שם על הספסל ופתאום התעורר משינתו בבהלה ויאמר להלומדים החיצונים הללו עומדים לנגדי ותובעים אותי שאלך ללמוד עמהם אזי עמדו כל הלומדים על רגליהם ויחרימו אותם כנ"ל ויתקעו בשופר וברחו החיצונים הנ"ל כמטחוי קשת ומאז והלאה לא באו אצלו רק שפעם אחד נראו לו דרך חלון ויאמרו לו למה לא חפצת להיות מאושר בארץ ושוב לא ראה אותם כל ימיו חייו. והלומדים הנ"ל אשר היו נעורים באותו הלילה המה ספרו לי המעשה הזה: מהמעשה הזאת נוכל לידע כי שיטת המינים הוא שקר מוחלט שהם אומרים שלא יוכל לחיות דבר נגד חוקי הטבע ומהמעשה הזה נוכל להבין שיש כמה דברים בעולם שהמה נגד חוקי הטבע גם נוכל ללמוד מזה אמיתות תוה"ק כמה הוא כוחות הקדושה מתגברים על כוחות הטומאה אשר החרם שלנו וזיה בו כח להגרש אותם:

**מעשה** שאירע באוזדע אשר שמעתי מכמה וכמה אנשים חשובים מאוזדע וכולם

---

געגאנגען פרעגען דעם רב האט איהם דער רב געענטפערט ער זאל צו נויף ריפען מוצאי שבת קודש בייא נאכט א מנין מענטשען לומדים זייא זאלען זיצין בייא נאכט אונ לערנען אונ בהמ"ד אונ דיא זאלסט אויך זיין אונ בית המדרש אונ דיא מענטשען זאלען האלטען בייא זיך איין שופר אונ אז דיא צווייא אלטע וועלען ארין קומען צו דיר בייא נאכט לערנען זאל דאס גאנצע מנין לומדים זייא לייגען אונ חרם ארייַן אונ זייא זאלען בלאזען שופר וועלען זייא שוין מעהר צו דיר נישט קומען אונ אזוי האט מען געטוהן מען האט צו נויף גענומען א מנין מענטשען לומדים אונ בית המדרש פון ר' אשר אונ דער גבאי ר' זלמן איז אויך געזעסען אונ דעם מנין אונ זייא זענען געזעסען אונ געלערענט אונ דער מענטש האט געבען זייא געשלאפען אויף איין באנק אונ מיטען דער נאכט האט ער זיך אויף געהאפט אונ ער האט געגעבען א געשרייא אט זענען זיי דא זייא ריפען מיך לערנען האבען אלע לומדים א געשרייא געטוהן איהר זענט אונ חרם אונ טארט צו איהם מעהר נישט קומען אונ זייא האבען געבלאזען שופר זענען זייא אנטלאפען געווארען אונ זענען שוין מעהר נישט געקומען צו איהם נאר איין מאהל האבען זייא זיך בעוויזען צו איהם אונטער דעם פענצטער זייא האבען איהם געזאגט דיא האסט נישט געוואלט זיין גליקליך אונ פון דאמאלס אהן האט ער זייא שוין מעהר נישט געזעהן דער פון קאן מען פאר שטיין אז עס איז פערהאנדען אסאך זאכען וואס איז איבער דער טבע אונ ווידער קען מען פאר שטיין ווּיא וויַט דיא כוחות פון צדיקים זענען שטארקער וויא דיא כוחות פון רשעים אז דער חרם פון קדושה האט זייא געקאנט פערטרייבען. דאס האב איך געהערט פון גבאי ר' זלמן אונ פון נאך מענטשען וואס זייא זענען געוועזען אונ דעם מנין וואס זייא האבען זייא געלייגט אונ חרם אריין:

**מעשה** וואס עס האט זיך געטראפען אונ איזדע אונ איך האב געהערט פון עטליכע חשובי מענטשען

פון

ספרו לי בסגנון אחר היינו כי שם היה אפיקורוס אחד שלא היה מאמין בשום דבר גם היה שם שמש דמתא אשר הוא היה ממונה לקרוא לאנשים על איזה שמחה שיזדמן בעיר וממילא מובן שאיש כזה היה רגיל לטעום על השמחת י"ש לכן היה רגיל מעט בשתיית הי"ש רק זולת זאת היה הולך בדרך ישרה כדרך כל איש ישראל אח"כ שבק השמש הנ"ל חיים לכל חי אח"כ היה דרכו של האפיקורוס הנ"ל שבכל מקום עמדו בין האנשים היה מזכיר את שם השמש הנ"ל לגנאי ולהתלוצץ מעליו ולהזכיר שמו ולאמר אולי אתה חפץ עתה לשתות י"ש ובכל שעה היה מורגל על לשונו שמו של הנפטר הנ"ל ולהתלוצץ מאתו אח"כ נולד לו ילד אזי בלילה לקח נר בידו ועלה על העלייה לקחת משם מטה קטנה עבור הילד הנולד ומצא כי אותו האיש ר' יעקב שמש שוכב בהמטה קטנה לבוש בתכריכיו והאפיקורוס הנ"ל אחרי אשר היה אביר לב מאוד אזי אמר להשמש יעקב שמש צא מהמטה ויקם ר' יעקב שמש מהמטה ועמד לנגדו ויקח האפיקורוס הנ"ל את הנר ויושט לו בפניו בכל זאת הקריב השמש הנ"ל אליו והתחיל האפיקורוס הנ"ל ללכת לאחוריו ולהשמט מאתו עד שהגיע להארובה שמשם יורדין למטה והוא היה אז בהול כי הילוכו היה דרך אחוריו כי פניו היה אל מול פני השמש לכן לא ראה את הארובה ונפל שמה לארץ ונתרסק

---

פון איזרע האבען מיר אלע דער ציילט אויף איין אויפין. היינו דארטען איז געוועזען איין אפיקורוס איין אויס געלאסינער מענטש וואס ער האט נישט געגלייבט אונ קיין שום זאך אונ דארטען איז געוועזען איין שמש ער האט געהייסען יעקב שמש וואס ער פלעגט דארטען ריפען אויף אלע שמחות וואס מאכט זיך אונ שטאט. פאר שטייט מען אז אזא מענטש איז געוואהנט צו אביסיל בראנפען שטענדיג נאר אונ אלע זאכען איז ער געוועזען איין ערליכער יוד ווייא אלע יודין דער נאך איז דער שמש געשטארבען האט דער אפיקורוס. דער לין אהן געהויבען צו מאכען ליצנות פון איהם היינו וויא ער פלעגט שטיין מיט מענטשען אונ רעדין פלעגט ער אלץ שפעטען מיט ליצנות אונ ער פלעגט זאגען יעקב קום נעם אביסעל בראנפען ער פלעגט עהם גאהר פון מויל ניט ארויס לאזען אונ אזוי איז געוועזען א הופשע צייט דער נאך האט דעם אפיקורוס ווייב געהאט א קינד האט ער געדארפען האבען א וויג בעטיל פאר דעם קינדס וועגען אונ ביי א עם אויף דעם בוידים איז געוועזען א וויג בעטיל דאס איז געוועזען בייא נאכט האט דער אפיקורוס גענומען א לעכט אונ איז ארויף געגאנגען אופין בוידים אראפ נעמען דאס וויגעלי האט ער דער זעהן אז יעקב שמש ליגט אונ וויגאלי אונ ער איז אהן געטאהן אונ תכריכים אונ דער אפיקורוס איז געוועזין א שטארקער מענטש זאגט ער צו אים יעקב גייא ארוס פון דער וויג איז ר' יעקב ארוס געגאנגען פון דער וויג אונ האט זיך געשטעלט אקעגין אים האט דער אפיקורוס גענומען דאס לעכט אונ שטיפט אים אונ דיא אויגען דער ר' יעקב איז צו אים נענטער צו געגאנגען האט ער האט אים געשטיפט מיט דעם לעכט אונ דיא אויגען פון דעסט וועגין איז ר' יעקב צו אים צו גיגאנגין אלע מאהל נענטער. האט זיך דער אפיקורוס אהן געהויבען אבצוריקען

פון

אבריו ונפל מזה למשכב וחלה שני שבועות וספר זאת המאורע לפני כל מבקריו ואח"כ שבק חיים לכל חי:

**שער** החלומות בענין החלומות צ"ע לישבם דבמס' גיטין דף נ"ב פסק הגמ' דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין ובכמה מקומות מוכח דיש חלומות המתקיימים כמו חלומותיו של יוסף הצדיק ושל שר המשקים ושל פרעה וכמה חלומות של פרק הרואה שמצינו שנתקיימו גם אמרו שם בגמ' חלום של שחרית מתקיים גם הרשב"א ז"ל בתשובתו בסימן תפ"ג העיד שכל מה שאמר לו אביו בחלום נתקיים בו ואירע לו כמו שאמר לו אביו והאמת נלפענ"ד כי מה שאמרו בגמ' דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין היינו לענין דינא הלכה למעשה אין לסמוך על החלום משום שעל פי רוב החלומות שוא ידברו אבל

---

פון אונטער ווייליכען איז ער געגאנגען אַרונטער ביז וואַנען ער איז געקומען צו דעם לאָך וואָס מען נייט דאָרך איהם אויף דעם בוידים אַרויף און ער איז אונטער ווייליכען אַ רויפּ געפאַלען פון דעם בוידים האָט ער זיך שטאַרק צו שלאָגען און ער איז געוועזען קראַנק צוויא וואָכען דער נאָך איז ער געשטאָרבען און פאַר דעם טויט האָט ער דער ציילט דיא זאַך וואָס עס האָט זיך איהם געטראָפען פאַר דיא אַללע מענטשען וואָס זענען געגאַנגען איהם מבקר חולה זיין:

**יעצט** וועל איך אַיך דער ציילען דעם אונהאַלט פון דיא חלומות וואָס עס חלומט זיך דעם מענטש און דער גמרא גיטין שטייט אַז פון חלומות קומט ניט אַרויס קיין גוטס און קיין שלעכטין פון דעסט וועגין געפינען מיר און אַ סך ערטער אַז עס איז פאַר־האַנדען אַ סך חלומות וואָס זייא ווערען מקוים דיא חלומות פון יוסף הצדיק און פון דעם שר המשקים און פון פרעה. און וויא פיעל חלומות וואָס עס שטייט און פרק הרואה וואָס זייא זענען מקוים געוואָרען אויך שרייבט דער ספר רשב"א און סימן תפ"ג אַז אַלץ וואָס זיין פאָטער האָט איהם געזאָגט און חלום איז אַלץ מקוים געוואָרען. נאָר דער אמת געפעלט מיר צו זאָגען אַז וואָס דיא גמרא זאָגט אַז דיא חלומות זענען נאָר נישט איז נאָר אַקעגען טוהן אַ דין דאָרך אַ חלום דאָס טוהט מען נישט ווייל מאָמער איז דער חלום פאַלש וואָרען צום מייגסט זענען דיא חלומות ליגענר. נאָר אַ מאָהל טרעפט זיך אַז עס חלומט זיך אַ אמת'ע זאַך. וואָס עס ווערט מקוים דאַריבער אַז עס חלומט זיך אַשלעכטע זאַך ח"ו דאַרף דער מענטש בעטען דעם השי"ת ער זאָל דעם חלום פאַר קערען צו גוטען און איך האָב געזעהן אַז דיא מפרשים פון מדרש ברענגען פון ירושלמי'ס וועגען אַז אַ מענטש איז זיך מצער אויף אַזאַך און דער נאָך זעהט ער אַזאַ זאַך וואָס עס בעוויזט אויף דער זאַך וואָס ער דאַרף האָבען ווערט דאָס מקוים. און אַז מען וויל קלערין ווער דער ציילט דאָס דעם מענש און חלום איז אַזוי. פראָסטע חלומות פאַלשע איז אָדער פון דיא מחשבות וואָס דער מענטש קלערט ביא טאָג חלומט זיך דאָס ביא נאַכט און אַנדערע חלומות איז דאָרך אַ שד. און אמת'ע חלומות איז אַטייל דאָרך אַמלאָך און אַטייל זענען דאָרך דיא נשמות פון דיא מתים וואָס זענען געשטאָרבען זייא קומען אַראָפּ צו זייערע

לפעמים מתקיים החלום וג"ם כזה שצריך האדם לבקש עליו רחמים גם ראיתי שמפרשי המדרש מביאים מירושלמי שאם אדם מצטער על איזה דבר ואח"כ רואה בחלומו ע"ז הענין אזי הוא מתקיים וכשתחקור מי הוא המגיד בחלום הוא כך לפענ"ד החלומות שהם שוא הסה מהרהורי דלבא ולפעמים ע"י שד והחלומות האמיתיות יש מהן שע"י מלאך ויש מהן שע"י נשמות הצדיקים שכבר מתו שהמה מגלין לקרוביהן ענינים כמו שתראה מהמעשיות שאביא בעה"י:

**מעשה** שאירע בנאוואהרעדאק שידעתי זאת בברור ששמעתי מכמה אנשים נאמנים בסגנון אחד ומאיש אחד שמעתי שאכו של זה האיש הנ"ל ספרה לו היינו ששם הי' איש אחד יודע נגן אשר הוא עתה ש"ץ בקהילה גדולה וחלה האיש הנ"ל על שפתיו חולי הנקרא ראק ר"ל והיתה החולי הולכת ומתגברת עד שנואשו הרופאים של נאוואהרעדאק מלרפאותו ואמרו לו שאין לו שום תרופה למחלתו זולת אם יבא לפני הרופאים דקאדעמיא ויתיעצו על אודותו ואמרו לו שאין תרופה למחלתו זולת שיחתכו הבשר הנזי שעל שפתיו רק שהוא בסכנה גדולה אולי ימות תחת ידיהם לכן בקשו מאתו שיתן להם כתוב וחתום שאם אולי ימות תחת ידיהם לא יהי' להיורשים שלו עליו שום טו"מ ויתן להם כתוב וחתום ויאמרו אליו שיבאו אליו בבקר בטרם שיש רעש בחוצות ויחתכו את הבשר החי שעל שפתיו והבשר החי היתה כ"כ מתגדלת ר"ל עד שלא היה יכול לתת לתוך פיו שום מאכל זולת משקה היו שופכים לתוך פיו ע"י שפופרת קנה חלול וגם לא היה יכול לדבר זולת לרמז ברמיזה והיה על אכסניא שלו חדר מיוחד עבורו ואמו הזקנה היא היתה עמו ותשרתהו וישן ברוב עצב

---

קרובים אונ זייא זענען זייא מודיע זאגען אונ איך וועל דאָ אי"ה שרייבען אמתע מעשיות פון חלומות וואָס איך ווייס אַז דאָס איז אמת:

**מעשה** וואָס עס האָט זיך געטראָפען אונ דער שטאָט נאָוואהאָרעדאַק

אונ איך האָב דאָס געהערט פון עטלעכע מענטשען וואָס זייא ווייסען אַז דאָס איז אמת אונ איינער האָט געהערט פון דער מוטער פון דעם מענטש וואָס איהם האָט זיך געטראָפען דיא מעשה. דהיינו דאָרטין איז געוועזען אַ חזן וואָס ער איז קראַנק געוואָרען אויף זיין ליפ עס האָט זיך איהם געמאַכט אַ ראַק אויף דער ליפ ר"ל. האָט זיך דיא קראַנקהייט אַלץ אַלרע מאָהל געגרעסערט אַז דיא דאָקטורים פון נאָוואהאָרעדאַק האָבען איהם שון געזאָגט אַז זייא קאָנען איהם ניט העלפען נאָר ער זאָל פאָרען קיין וואַרשא. אונ דער אַקאַדעמיע אפשר וועלען זיי איהם קאָנען העלפען איז ער געפאָרען קיין וואַרשא. ווייא ער איז געקומען קיין וואַרשא האָבען דיא דאָקטורים פון דעם אַקאַדעמיע געזאָגט אַז עס איז צו איהם קיין שום רפואה ניט דאָ נאָר מען דאַרף איהם מאַכען אַ אָפּעראַציע האָבען זייא איהם געזאָגט אַז ער זאָל זיך אונטער שרייבען אַז טאָמער שטאַרבט ער זאָלין זיינע יורשים ניט האָבען קיין טענה צו זייא האָט ער זיך אונטער געשריבען אונ זייא האָבען דאָס צופ געזיינט אויף מאָרגען פריא זאָללען זייא קומען מאַכען דיא אָפּעראַציע אונ דער חולה איז איינגעשטאַנען אונ איין דאָטעל איין אונ אַבאַזונדערען צימער אונ זיין אַלטע מוטער האָט איהם באַדינט איז ער בייא נאַכט אנטשלאָפען

דינון ויחלום והנה אבי אביו אשר מת מכמה שנים בא אליו והביא לו עשבים ויתן לו בידו ויקפוץ את אגרופו ויאמר לו שישים את העשבים אלו לתוך כלי כוס זכוכית וימלאנה מים וישתה ויתער משינתיה והנה העשבים הוא אוחז בידו אזי מיד העיר את אמו משינתה והראה לה העשבים האלה ויאמר לה ברמיזה שתתן לו כוס מלא מים וישם את העשבים וישתה אתהמים ע״י שפופרת הנ״ל ותיכף כששתה את המים אזי נתקטן הבשר חי שליש ואח״כ שתה עוד שני פעמים והנה שבה כבשרו ונרפא החולי בשלימות ובבקר באו הרופאים חכמי הקאדעמיא וראו והנה נרפא הנגע ויתפלאו ע״ז מאוד מה טיבו של הענין ויספר להם את כל המאורע ויאמרו לו שיראה להם את העשבים האלו וירא לנפשו להראות להם מפני שאבי אביו הזהיר אותו בחלום שיניח את העשבים האלו על קברו פן לא יחזירוהו לו ויראם עשבים אחרים ויאמר להם כי הוא זה והאיש הנ״ל הוא עתה ש״ץ במקומות הרחוקים:

אנגעשוואָלען געוואָרען מיט גרויס אומעטיקייט איז אים געקומען צום חלום זיין זיידע זיין פאָטערס פאָטער אונ ער האָט אים געבראַכט אַגרעזעל אונ האָט אים אַריין געלייגט אונ דער האַנד אַריין אונ האָט אים פאַר מאַכט דיא האַנד אונ ער האָט אים געזאָגט אז ער זאָל דאָס אַריין טוהן אונ אַגלאָז וואַסער אונ אוים טרינקן דאָס וואַסער דער נאָך זאָל ער ווייטער אָהן גיסין מיט וואַסער אונ אוים טרינקען אונ דער נאָך נאָך איין מאָהל אַזוי זאָל ער טוהן דרייא מאָהל וועט ער ווערען געזונד דער נאָך האָט ער זיך אויף געחאַפט פון דעם שלאָף אונ דאָס גרעזיל איז געוועזען ביי אים אונ דער האַנד האָט ער אויף גיוועקט זיין אַלטע מוטער אונ ער האָט איהר געזאָגט אָפען ווינק אַז זיא זאָל איהם דער לאַנגען אַגלאָז וואַסער האָט ער דאָס גרעזעלע אריין געלייגט אונ דעם וואַסער אונ ער האָט דאָס אויס געטרינקען דאָרך אַליקע מיט אַרעריל וואָס מען פלעגט איהם אַריין גיסען אונ האָז אַריין וואָרען עסען האָט ער נוט געקאָנט נאָר געטראַנקען פלעגט מען איהם גיסין דאָרך אַ זייעריל אונ האַלז אַריין האָט מען אים אַריין גינאָסען דאָס גלאָז וואַסער וואָס דאָרטען האָט זיך געווייקט דאָס גראָז איז באַלד געוואָרען מיט איין דריטעל קלענער דיא ליפ דער נאָך האָט ער נאָך אַמאָהל איין געווייקט דאָס גראָז אונ אַגלאָז וואַסער אונ ער האָט ווידער אויס גיטרינקען אַזוי האָט ער געטוהן דרייא מאָהל איז גיוואָרין דיא ליפ גיזונד ווייא פריער. דער נאָך אונ דער פריא זעגען געקומען דיא דאָקטוירים פון דער אַקאַדעמיע האָבין זיי אים גיפינען אַז ער איז שוין גיוועזן גיזונד האָבין זייא זיך דערויף זייער פאַר וואונדערט האָבין זייא אים גיפרעגט וואָס איז דאָס פאַר איין מעשה האָט ער זייא דערציילט דיא גאַנצע געשיכטע האָבין זייא אים גיהייסען אַז ער זאָל זייא ווייזען דאָס גראָז האָט ער זייא מורא גיהאַט צו ווייזען טאָמער וועלען זייא אים ניט אָב געבען אונ זיין זיידע האָט אים גיזאָגט אונ חלום אַז ער זאָל לייגען דאָס גראָז ביי אים אויף דעם קבר איבער דעם האָט ער גיוויזען דיא דאָקטוירים איין אַנדער גרעזיל אונ ער האָט זייא גיזאָגט אַז דאָס איז דאָס גראָז. אונ דער מענטש איז

יעצט

**מעשה** מה ששמעתי מאיש אחד ת״ח וירא ה׳ מו״ה ר״י ששמע מר׳ ראובן נ״י אשר אני מכיר את ר׳ ראובן הנ״ל ג״כ שהוא איש פשוט ואינו למדן רק שהוא י״א ותשוקתו להתחבר עם אנשים ת״ח ויראי ה׳ ובימי עלומיו היה בעל עגלה עם שלשה סוסים והיה מתפרנס מזה וידוע המנהג של בעלי עגלות דליטא טרם שנתהוה המסלת הברזל שהיו נבלים כל ימיהם בנסיעות רחוקות ועל הדרך שר׳ ראובן הנ״ל היה צריך ליסע שם היה בעל אכסניא אחד אשר היה ת״ח מופלג והאיש ר׳ ראובן הנ״ל אשר תשוקתו תמיד, להתקרב אל ת״ח היה מתארח תמיד אצל בעל אכסניא הנ״ל פעם אחד בעש״ק היה רחוק מהאכסניא הנ״ל וימהר את סוסיו לבוא אל האכסניא הנ״ל על ש״ק כדי להנות מהאיש הת״ח הנ״ל ויבא להאכסניא ע״ש קודם חשיכה ושם היה להקת אורחים נכבדים ע״ז השבת וקודם חשיכה כאשר הדליקו נרות הדליק בבית נר אחד גדולה שיספיק על כל הלילה כדי שיוכל הבע״ב ללמוד שם ויהי בלילה אחרי אכלם ערכו מקום לשכיבה עבור הסוחרים לפני כל אחד ואחד לפי כבודו ולפני ר׳ ראובן הנ״ל לא היה מקום לשכיבה ואז היה זמן הקיץ ויאמר לו הבעל הבית כי שני אנשים חייטים עושים מלאכה אצל אדון החצר והם ישנים בבית דירה של מספוא היינו [אסטאדעלי מיט הייא] השייך לאדון החצר לכן יעץ לו שילך גם הוא לישן שם וילך ר׳ ראובן נ״י וישכב שם עם שני האנשים החייטים הנ״ל ויהי כאשר התחיל לישן חלם לו והנה בא אליו אביו זקנו אשר מת מכמה שנים

---

יעצט אַ חזן אונ אַ ווייט אָרט: **מַעֲשֶׂה** וואָס מיר האָט דער צייילט מיינס אַבעקאַנטער וואָס ער איז אַ גרויסער נאָטס פאָרכטיגער מענטש וואָס ער האָט גיהערט פון אַפרומען מאַן ר׳ ראובן נ״י וואָס עם האָט זיך גיטראָפען. ער איז אַפּראָסטער מענטש ניט קיין לערנער נאָר ער איז אַפרומער יוד אונ ער האָט זיך ליב געהאַט צו בעהעפטין מיט אַזעלכין מענטש וואָס ער קאָן לערנען. אונ דער יוגענד איז דער ר׳ ראובן גיוועזין אַ בעל עגלה ער האָט גיהאַלטען דרייא פערד אונ דער פון האָט ער זיך מפרנס גיוועזען אונ עס איז בעוויסט דאָס פורעכטס פון דיא בעלי עגלות פון דער ליטאַ איידער עס איז גיוואָרען דער באַהן אַז זייא פלעגין זיך זאָמען אונ וועג אַ לאַנגע צייט איז גיפאָרען דער ר׳ ראובן אונ וועג אַריין אונ אויפין וועג איז גיוועזין איין נאַסט הויז וואָס דער מענטש איז גיוועזען אַגרויסער ת״ח אַלערנער אונ דער ראובן פלעגט וועלען אַלע מאָהל בייא אים איין שטיין בעווייל ער זאָל קענין הנאה האָבין פון דעם בעל הבית׳ם לערנין איין מאָהל פרייטיג איז ער גיוועזען אונ וועג ווייט פון דעם נאַסט הויז האָט ר׳ ראובן פלייסיג גיטריבען דיא פערד בעוויילע ער זאָל קומען אויף שבת צו דעם נאַסט הויז איז ער גיקומען צייא פאָרען אויף שבת אונ ערב שבת פאַר נאַכט האָט מען אָן גיצונדין אַגרויסע ליכט אונ שטיב עס זאָל זיך ברענגען אַגאַנצע נאַכט בעוויילע דער בעל הבית זאָל קאָנען לערנען בייא נאַכט דער נאָך אַז מען האָט אָב גיגעסען האָט מען גיגעבען אַלע אורחים ערטער אויף שלאָפין נאָר עס איז גיוועזין זייער אַסאַך אורחים איז פאַר דעם ר׳ ראובנין ניט גיוועזען קיין אָרט וויא צו שלאָפין אונ דאָס איז גיוועזין

ויאמר לו קום לך מזה ויתער משנתיה וירא ויאמר אין זה כי אם שבאו גנבים לגנוב את סוסיו וימהר ללכת אל האכסניא וירא את סוסיו והנם בשלימות ויבטל את חלומו ויאמר החלומות שוא ידברו וילך שנית לישן שם עם העני חיטים הנ״ל. ויהי כאשר התחיל לישן שנית והנה אביו זקנו בא אליו שנית ויאמר לו קום לך מזה ויאמר בלבו עתה הוא בודאי שגנבים באו לגנוב את סוסיו וילך שנית אל האכסניא לראות את סוסיו והבעל אכסניא יושב ולומד בבית ויאמר לו הבע״ב למה זה עתה הולך כל שעה לבקר את סוסיך הלא בית הסוסים סגור ואני ער פה ולא ענהו ר׳ ראובן הנ״ל ויבקר שנית את סוסיו והנם בשלימות ויבטל שנית את חלומו וילך לישן שם שנית ויהי כאשר התחיל לישן והנה אביו זקנו בא אצלו ויאמר לו קום ברח לך מהרה מזה ויבהל מאוד ויקם וילך להאכסניא ויאמר להבעל אכסניא שבחפצו לישן פה אצלו על הספסל ויאמר לו שכב פה. ויהי כאשר שכב על הספסל טרם שהתחיל לישן והנה העמים

---

גיוועזין זומער צייט האָט דער בעל הבית גיזאָגט צו דעם ר׳ ראובן דאָ איז דאָ צווייא שנײַדערס וואָס זייא אַרבייטען בייא דעם פּריץ אונ זייא שלאָפֿין דאָ אונ הויף אונ אַסטאָדאַלע פון הייא דאָרט נייט לייגט אייך האָט זיך דער בעל הבית גיזעצט לערנען אונ ר׳ ראובן איז אַוועק גיגאַנגען אונ דער סטאָדאַלע אונ האָט זיך גילייגט שלאָפֿין דאָ אין הויף מיט דיא שנײַדערס וויא ר׳ ראובן איז אַנטשלאָפֿין גיוואָרען האָט זיך איהם גיחלומט אַז זיין זיידע וואָס ער איז שוין לאַנג טויט איז צו איהם גיקומען אונ האָט איהם גיזאָגט גייא אַוועק פון דאַנען האָט זיך ר׳ ראובן אויף גיחאַפּט האָט ער גיקלערט נעוויס וויל מען גנבינין דאָס פערד דארובער האָט איהם זיין זיידע אויף גיוועקט נעמט ער אונ גייט אונ גאַסט הויז אַריין אונ גיט אַקיק צו דעם פערד האָט ער גיזעהן אַז דאָס פערד איז דאָ איז ער גיוואָרען בייז אויף זיך אַליין קלערט ער זיך מיילא וואָס עס חלמת זיך אונ איז ווייטער צוריק גיגאַנגען אונ דער סטאָדאַלע אַריין שלאָפֿין וויא ער איז ווידער אַנטשלאָפֿען גיוואָרען איז זיין זיידע נאָך אַמאָהל גיקומען אונ האָט איהם גיזאָגט גייא אַוועק פון דאַנען האָט ער זיך ווייטער אויף גיחאַפּט האָט ער זיך גיקלערט אַז מען וויל גיוויס גנבינין דיא פערד איז ער ווייטער אַוועק אונ אַלטינג גיגעבין צו דיא פערד אונ דער בעל הבית איז גיזעסין אונ גילערינט רופט ער זיך אָן צו ר׳ ראובן וואָס גייט איר אַרוים אַלע מאָהל היטען דיא פערד דיא שטאַל איז דאָך פאַרשלאָסען אונ איך בין אויף זאָגט ער אַז עס פּלאָנטיט זיך מיר אַלע מאָהל אונ חלום זאָגט דער בעל הבית נייט שלאָפען אונ קלערט גאָר נישט אויף קיין שום זאַך איז ער ווייטער אַוועק גיגאַנגען שלאָפֿין וויא ער איז ווידער אַנטשלאָפֿין גיוואָרין איז ווידער געקומען זיין זיידע צו חלום אונ זאָגט צו איהם אַנטלויף פון דאַנען וויא דיא קענכט האָט ער זיך אויף גיחאַפּט אונ האָט זיך זייער דערשראָקען אונ איז אַוועק גילאָפֿין צו דעם בעל הבית אונ שטיב אַריין אונ זאָגט צו איהם איך וויל דאָ שלאָפֿין נעבין אייך זאָגט דער בעל הבית צו איהם לייגט אייך דאָ אויף דעם בענקיל נעבין מיר איז ער אַזוי גילעגין צו

רידעט

דהתקדרו בעבים ופתאום נשמע קול רעם גדול והרעם הנ"ל נפל לתוך בית מכפוא הנ"ל אשר השני חייטים ישבו שם ונשרף הבית מכפוא עם המכפוא עם השני חייטים הנ"ל ור' ראובן הנ"ל ניצול מזה בהשגחת השי"ת . מהשני מעשיות הנ"ל נוכל להכיר השגחת השי"ת בעולמו ושבכל הוא עושה שליחותו ואמונת השארת הנפש כמובן :

**מעשה** מה ששמעתי מרב אחד ששמע מאדם נאמן שהיה בשעת מעשה היינו בעיר אחת סמוך לווילנא התקוטט רב אחד עם השו"ב דשם על שהכשיר שאלה אחת בענין אינותא דוורדא אח"כ בלילה כאשר נרדם הרב מעט נדמה לו כאילו אחד אמר לו למה זה ערערת על השו"ב בשאלה הוורדא אמאי לא תסתכל בעצמך שאתה מלובש שעטנז אזי כשהתעורר לשנתיה התחיל לחפש בבגדיו אולי יש שעטנז ולא מצא אח"כ כשחזר ונרדם אזי נדמה לו שנית שאומרים לו כך כנ"ל אזי התעורר שנית משנתיה וחזר לחפש שנית בבגדיו אולי יש שעטנז ומצא שהכובסת עשתה סימן בכתונת שלו במעט חוט צמר

---

רידערט און גיקלערט וואָס קען דאָס זיין פאַר אַ מעשה דער וויל האָט זיך דער היטעל אָן גיהויבען צו וואָלקינען און עס האָט גינעבין אַקלאַפּ אַדונער און דער סמאָדאַלע אַריין ווי דיא שניידערס זענין גישלאָפען און די כמאָדאַלע מיט דיא צוויי שניידערס זענין פאַרברענט גיוואָרין און ר' ראובן איז באַשערימט גיוואָרען . פון דער מעשה קען מען פאַרשטיין ווי ווייט השי"ת גיט אַכטונג אויף דעם מענטש און דעם גלייכין אַז נאָך דעם טויט קאָן אויך דער מענטש עפּיס העלפין מיט זיינעם זכות :

**מַעֲשֶׂה** וואָס איך האָב גיהערט פון איין רב וואָס ער האָט גיהערט פון דעם מענטש וואָס ער איז גיוועזין דערביי . און אַ שטאָדט נעבין ווילנא האָט דער רב פון דער שטאָט זיך גיקריגט מיט דעם שוחט וואָס ער האָט כשר גימאַכט אַשאלה פון אָדערין און אַבהמה דאָס איז די וואַרדי וואָס ווערט גירופין נגב ביא דער בהמה . ביא נאכט אַז דער רב איז אַנשלאָפין גיוואָרען דאָט זיך אים גיחלומט אַז איינער זאָגט צו אים פאַר וואָס האָסט די גהאַט צו טוהן מיט דעם שוחט פאַר דער וואַרדע אַזעלכע אָדערין וואָס עס איז ניט גיוועזין אַקיראַם פאַר וואָס קוקסטו ניט אויף דיר אַליין וואָס און דיינע קליידער איז דאָ שעטנז האָט ער זיך אויף גיחאַפּט און ער האָט אָן גיהויבען צו זוכין און זיינע קליידער האָט ער גאָר נישט גיפינען האָט ער זיך ווייטער גילייגט שלאָפין האָט ער ווידער גיזעהן און חלום ווי איינער זאָגט אים דאָס זעלבע פאַר וואָס האָסט זיך גיקריגט מיט דעם שוחט פאַר דער וואַרדע (אַזעלכע אָדערין) פאַר וואָס זעהסט דוא ניט וואָס ביי דיר אי"ג די קליידער איז דאָ שעטנז האָט ער זיך ווידער אויף גיחאַפּט און ער האָט אָן גיהויבען צו זוכין און זיינע קליידער האָט ער גיפינען אַז און זיין העמד איז גיוועזין אָן גינייט אַשטיקעל וואָהל וואָס דיא וועשין האָט אָן גינייט פאַר אַ צייכין עס זאָל זיך ניט פערבייטען אויף אַנאַנדער העמד . אויף מאָרגען האָט ער גישיקט רופען דעם שוחט און האָט אים איבערגיבעטין און ער האָט באַר אַלע דער ציילט דיא גישעכטע :

מעשה

שתפרת בחילוקו כדי שלא תתחלף אצלו באחרת אזי למחר שלח לקרוא להשו"ב ופייס אותו וספר כל המאורע :

**מעשה** מה שסיפר לי מופלג אחד לדבר ברור מה שקרה בעירו באחד שבלע מחט ונתחב לו בגרונו וקראו לרופאים מובהקים ואמרו שצריכים לעשות לו ריפעראציע היינו לחתוך שם בגרונו וכששמע האיש הנ"ל אזי נבהל מזה וימאן בדבר אזי אמרו בני ביתו להרופאים שיעשו לו בע"כ וכששמע זאת האיש אזי ברח היערה שהעיר הזאת היא קרובה ליער אזי ברח שם והיה שם כל היום ובלילה בא לביתו וישכב על משכבו ברוב צער ויסורים ונרדם מעט אזי נדמה לו כאלו אחד אמר לו שפעם אחד קרה מקרה באחד שהתחב לו מחט בגרונו אזי הניח את רגליו וגופו על דבר גבוה וראשו ופיו השפיל עד לארץ ורק בכח הרבה אזי יצא ממנו המחט ע"י כיחו וניעו. ועתה גם אתה עשה כך אולי יועיל לך אזי מיד הקיץ משינתיה והניח גופו ורגליו על המטת וראשו השפיל עד לארץ ורק בכח עד שהפליט את המחט מלוכלכת בהרבה דם וליחה אז קרא לכל בני ביתו והראה להם ונרפא מחלתו :

**מעשה** מה שסיפר לי איש אחד מפוחאוויץ דבר ברור שקרה בעירו הנ"ל היינו ששם בפוחאוויץ היה אדם גדול בתורה ובמעשים והיה מכונה

---

**מַעֲשֶׂה** וואָס מיר האָט דער ציילט אַרוכטינגער מענטש וואָס בײַ זיא אונ שטאָט האָט זיך ניטראָפען. א מענטש האָט אַײן גישלינגין אַנאָדיל אונ זיא האָט זיך אַרײַן גישטעקט אונ האלז אַרײַן האָט מען גירופען גרויסע דאָקטורים האָבין זײַא אים גיהײַסען מאַכען אַ־עפעראַציע מען זאָל שנײַדען אונ האַלז האָט זיך דער שלאָפער ניט גיוואָלט לאָזען שנײַדען האָבען דאָס הויז גיזינד גיבעטין די דאָקטוירים אַז מען זאָל אים מאַכין די אָפעראַציע מיט גיוואַלד וויא דער יזלאָפער האָט דאָס דער הערט איז ער אַנטלאָפין גיוואָרין אונ וואַלד אַרײַן דער וואַלד איז גיוועזען נעבין דער שטאָהט איז ער דאָרטין גיוועזען אַגאַנצע טאָג בײַא נאַכט איז ער אַהײַם גיקומען אונ האָט זיך גילייגט אונ זײַן בעטיל אַרײַן איז ער אַנדרימלט גיוואָרין האָט זיך אום גיחלומט אַז אײַנער זאָגט צו אים אַ מאָהל האָט אײַנער אַנגישלינגען אַ נאָדיל האָט ער גילייגט די פים מיט דעם גוף אויף אַ הויך אָרט אונ דעם קאָפ האָט ער אַראָפּ גילאָזט נעבין דער ערד אונ ער האָט גישפינען אונ געחראַקיט מיט גרויסע קרעפטען ביז וואַנען ער האָט אוים געשפינען דיא נאָדיל פריב דיא אויך אַזוי צו טוהן האָט ער זיך אויף גיחאַפט אונ ער האָט אַ־אָפּ גילאָזט נעבין דער ערד דעם קאָפּ אונ דער גוף איז גיוועזען אויפען בעט אונ ער האָט נעשפינען אונ נעהראַקעט מיט גרויסע קרעפטען ביז וואַנען ער האָט אוים נעשפינען דיא נאָדיל זיא איז גיוועזען אײַן נערעכט מיט בליט אונ אײַטער אונ ער איז נעזונד נעוואָרען :

**מַעֲשֶׂה** וואָס מיר האָט דערצײַלט אַ מענטש פון דער שטאָט פוחאָוויץ וואָס דאָרטען האָט זיך געטראָפען אַ רעכטענע מעשה דאָרטען איז געוועזען אַ גרויסער מאַן אײַן לערנער אונ האָט געטאָהן גיטס מיט יעדען מענטש ער האָט גיהײַסען ר'

ארי'

בפי כל ר' ארי' וגם עתה יש לו בן המכונה ר' אברהם בר ארי' ז"ל פעם אחת קרה מקרה אצל בתו של ר' ארי' זצ"ל שבנה כבן שמונה שנים נתכווצו גידי רגליו ע"י איזה סיבה ונעשה צולע על רגל אחד אזי דרשו ברופאים הרבה ולא הבינו מזור ותרופה לזה עד שנתיאשו מלרפאותו עוד והיה צולע על רגלו כמה שנים עד שהיה לערך אחד עשר שנה פעם אחת בבקר הקיץ הנער משנתיה ויספר לאמו שאביו זקנו ר' ארי' זצ"ל בא אליו בחלום ואמר לו שילחלח את ידיו בהזיעה שעל החלון וימשח בזה את רגלו על אותו המקום שנתכווצו גידיו וכן עשה איזה פעמים עד שנרפא רגלו כשאר כל הבריאים:

**מעשה** מה שסיפר לי מופלג אחד מו"ה מנחם מענדל נ"י והוא בנו של רב גדול מה ששמע מפי רבו מה שקרה לו איך שהיה לרבו של ר' מענדל הנ"ל חולי נכפו ר"ל ואעפ"כ הי' מלמד עם תלמידיו רק שהיום שהי' מרגיש בנפשו שביום זה יקרה לו חולי הנ"ל היה משלח את תלמידיו והיה אומר להם

---

ארי' אונ ער האט געהאט נאך א זוהן אונ פוחאוויץ ער הייסט ר' אברהם ר' ארי'ס האט זיך געטראפען אז ביא דעם ר' ארי'ס א טאכטער האט איר'ס אזוהן פון א יאהר אכט אוים געלעגנט א פים אונ פון דעם איז אים אנגיצוינגען געווארען דיא אדערין האט ער אן געהויבען צו הינקען איז מען מיט עם געוועזען ביא אסאך דאקטורים אונ זיי האבען אום ניט געהאלפען האבען זייא שוין אויף געהערט צו זוכען רפואות האט ער אזוי ניהינקען עטליכע יאהר אונ איז גענאנגען אויף איין קילע ביז וואנען ער איז שוין אלט געווארען איין ערך פון עליף יאהר שטייט ער איין מאהל אויף אונ דער פריה אונ דער ציילט זיין מוטער אז זיין זיידע ר' ארי' איז אום געקומען צו חלום אונ האט אים ניזאגט אז ער זאל שמירען זיין פים מיט דעם שוויים פון דיא פענצטער האט ער באלד גענימען אונ ער האט געריבען דיא פים מיט דעם שוויים פון דיא פענצטער איז אים געווארען דיא פים געזונד:

**מעשה** וואס מיר האט דערציילט א גרויסער מאן ר' מענדיל וואס ער האט ניהערט פון זיין רבי'ן אז דער רבי האט ניהאט אקרענק דיא שווערע שלאפקייט ר"ל דאס איז די אומפאליגע שלאפקייט פון דעסט וועגין פלעגט ער לערנען מיט דיא קינדער נאר דעם טאג וואס אים פלעגט דאס טרעפין פלעגט ער פריער פילען אז שפעטער וועט דאס אים טרעפין פלעגט ער פריער אוועק לאזען דיא קינדער אונ זייא זאגען אז ער איז היינט ניט ניזונד אונ ער פלעגט פאר קיינים ניט אוים זאגען אז ער האט דיזע שלאפקייט ווארין מען זאל ניווען זייסען וואלט מען אום קיין קונדער ניט גינעבען אונ חדר אריין אונ זיין וויב איז גיוועזען אפרימע אונ דעם טאג וואס אים פלעגט טרעפען דיא שלאפקייט האט זיא אים אב גיהיטען אונ אזוי האט דאס גידארט פיהל יאחרען. נאר וואס ווייטער איז אים גיווארען ערגער דיא שלאפקייט ר"ל ער איז געוועזען איין איניקיל פון ר' אברהם אבלי דער רב פון ווילנא איין מאהל האט ער גיפילט אז דעם טאג דארף דאס אום טרעפען דיא שלאפקייט האט ער אוועק נישיקט זיינע קונדער פון חדר א היים אונ ער איז געווען

אונ

כי חולה הוא יום זה והיה מעלים מהבריות את החולי הנ"ל כדי שיתנו לו תלמידיב ואשתו היתה צנועה מאוד והיתה משמרתו ביום זה מאוד כי באותו יום שיקרה לו חולי הנ"ל היה מרגיש מקודם וכך נהג שנים רבות אך שברבות הימים נתגברה אצלו החולי ר"ל והיה סר וזעף מאוד והוא היה נין ונכד של הגאון מו"ה אברהם אבלי מווילנא ז"ל פעם אחת הרגיש בנפשו שביום זה יקרה לו חולי הנ"ל אזי שלח את תלמידיו לביתם והוא היה סר וזעף מאור ואחר שקרה לו החולי הנ"ל אזי נרדם מעט ברוב עצב אזי ראה בחלומו כי בא אליו אביו זקנו הגאון ר' אברהם אבלי ז"ל ושאל אותו מה לך בני ויאמר לו צר לי מאוד ויאמר לו הגאון הנ"ל אל תדאג מזה הא לך עשב אשר אני מניח ונחת מראשותך ותבשל את העשב הנ"ל במים ותשתה ותרפא ממחלתך ואח"כ נשתקע ... הנ"ל בשינה ואח"כ כאשר קם משינתיה שכח את חלומו לגמרי. ויהי כאשר ... קחה אשתו את הכרים והכסתות להציע את המטה אזי מצאה את העשב הנ"ל תחת מראשותיו ותדמה בנפשה שמסתמא ידוע לבעלה מן העשב הנ"ל ובמתכוין הניחן בעלה תחת מראשותיו על כן לא היה אצלה לפלא ע"כ לקחה את העשב הנ"ל והניחה בהתיבה שלה אח"כ אחר איזה שבועות הלכה האשה הנ"ל להתיבה אזי מצאה בהתיבה את העשבים האלו אזי שאלה מאישה מה טיבן של העשבים האלו ותספר לו כי מצאה זאת תחת מראשותיו ביום שקרה לו החולי הנ"ל אזי מיד הזכיר המלמד הנ"ל את חלומו ומיד צוה לה שתבשל את העשבים האלו ושתה את מי הבישול הנ"ל ונרפא ממחלתו:

---

